בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים-שְׁקָלִים

289

תשפ"ג

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אָל אִיךְ זָאגְן פַּאר יֶענֶעם אַז עֶר הָאט מִיר וֵויי גֶעטוּן?..........א

וֶוען אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת?..........ב

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מֶער גֶעשְׁמַאק דָאס לֶערְנֶען אִין חֵדֶר?..........ג

וִוי אַזוֹי קֶען אַ גָרוּשׁ זִיךְ מְחַזֵק זַיין?..........ה

זָאל מֶען זִיךְ צַאמְקוּמֶען פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אוּם שַׁבָּת שִׁירָה?..........ח

וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְנֶעמֶען וֶוען יֶעדֶער קוּקְט אוֹיף מִיר?..........ט

וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ טוּן צוּ הָאבְן רֵיינֶע אוֹיגְן?..........יב

וָואס זֶענֶען דִי אִידִישֶׁע וֶוערְטֶער בַּיים סוֹף פוּנֶעם נִיגוּן "אָמַר ה' לְיַעֲקֹב"?..........טו

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

זנֶעמְט זִיךְ פָאר לְכָבוֹד אַייעֶר גֶעבּוּרְטְס-טָאג זִיךְ אָפְּצוּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער..........א

זַיי שְׁטַארְק בְּלִימוּד הַתּוֹרָה, קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי בִּלְבּוּלִים..........א

לֶערְנֶען אוּן לֶערְנֶען אָן אוֹיפְהֶער; דָאס וֶועט דִיךְ הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס..........ב

מִשְׁנַיוֹת לַייטֶערְט אוֹיס דִי נְשָׁמָה, מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק..........ג

תּוֹרָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְחוֹרָה..........ג

לֶערְן דֶעם בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, וֶועסְטוּ מִיר מַאכְן נַחַת..........ג

מַאכְן אַ צַייט זִיךְ אָפְּצוּשֵׁיידְן פוּן אַלֶעמֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן..........ד

לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז אַזוֹי וִוי אַן עֶירְקָאנְדִישְׁן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ..........ד

נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי מִנְהָגִים פוּן דִי עֶלְטֶערְן..........ה

וֶוען דִי קִינְדֶער אִין קְלַאס טְשֶׁעפֶּען פַארְ'ן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת..........ו

דֶער צַדִיק הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ טְרֶעפְן וָואס עֶר הָאט פַארְלוֹירְן..........ז

נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן קִינְדֶער, בִּפְרַט יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער.......ט

זִיךְ נִישְׁט אַרייַנְמִישְׁן אִין דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער.......ט

הֶערְט אוֹיף וֵוייֶנֶען אוּמְזִיסְט, דָאס קֶען בְּרֶענְגֶען שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן.......י

דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא וֶועט דִיר מַאכְן זִיס אוּן לִיכְטִיג.......יב

זִיךְ פִירְן אֵיידְל אוּן הֵיילִיג וִוי אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער, נִישְׁט וִוי דִי מִצְרִיִים.......יב

מִיט דִי דְרֵיי פּוּנְקְטְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועסְטוּ פּוֹעֶלְ'ן בַּיי דַיין וַוייבּ.......יג

קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְשִׁיקְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט עֶסְן בַּיי אַ שִׂמְחָה.......טו

דִי לֵיצָנוּת נֶעמְט אַרוֹיס יֶעדֶע בְּרֶעקְל יִרְאַת שָׁמַיִם.......טו

דִי בָּחוּרִים זָאלְן הֶעלְפְן אוּן זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.......טז

נָאר אֱמוּנָה אִיז דִי רְפוּאָה פַאר אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.......טז

זָאג אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דַיין מְלַמֵד.......יז

הֶעלְפְט אַייֶער מַאמֶע אוּן קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי גֶעשְׁוִוסְטֶער.......יח

מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.......יח

שְׁטַארְקְט אַייךְ אוּן שְׁטַארְקְט דִי לֶערֶערִינְס צוּ גֶעבְן אַ גוּטֶע חִינוּךְ.......כב


# הקונטרס לרפואת העניא בת ראכל בתשוח"י

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

### זָאל אִיךְ זָאגְן פַאר יֶענֶעם אַז עֶר הָאט מִיר וֵויי גֶעטוּן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז עֶס אִיז דָא אַ פְּלַאץ וואו מֶען קֶען פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת און בַּאקוּמֶען תְּשׁוּבוֹת אֲפִילוּ אוֹיף אַזֶעלְכֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת וָואס אַ צְוֵוייטֶער רַב וָואלְט בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיךְ וויל פְרֶעגְן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּ צוּגֶעוואוינֶען אַז וֶוען אֵיינֶער טוּט מִיר וֵויי זָאל אִיךְ אִים גָארְנִישְׁט זָאגְן, אִיךְ זָאל גֵיין נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים דֶערְצֵיילְן דִי גַאנְצֶע זַאךְ, אַז יֶענֶער הָאט מִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט און וֵויי גֶעטוּן. אִיךְ רֶעד פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נִישְׁט פוּן מַיין וַוייב; אִין שְׁטוּב וֶועל אִיךְ יָא זָאגְן פַאר מַיין וַוייב אַז דָאס און דָאס טוּט מִיר וֵויי, וָואס זִי הָאט גֶעזָאגְט אָדֶער גֶעטוּן, וַוייל אַזוֹי הֶער אִיךְ בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אַז מֶען זָאל נִישְׁט הַאלְטְן דִי וֵוייטָאג אִין זִיךְ וַוייל נָאכְדֶעם קֶען עֶס פְּלַאצְן, נָאר אַרוֹיסְזָאגְן וָואס עֶס שְׁטֶערְט. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וֶועל אִיךְ יָא הַאלְטְן דִי וֵוייטָאג אִין מִיר און זֵיי גָארְנִישְׁט זָאגְן, אִיךְ וֶועל עֶס נָאר דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז אָבֶּער אַז אִיךְ הַאלְט נָאכְנִישְׁט בַּיי דִי מַדְרֵיגָה אַז נָאכְן עֶס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל אִינְגַאנְצְן אַרוֹיסְגֵיין דִי וֵוייטָאג פוּן מַיין הַארְץ, אִיךְ בְּלַייב נָאךְ אָנְגֶעגֶעסְן אוֹיף יֶענֶער וָואס הָאט מִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט, מִמֵּילָא ווייס אִיךְ נִישְׁט אוֹיב דָאס אִיז טַאקֶע דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ יָא זָאגְן פַאר יֶענֶעם אַז עֶר הָאט מִיךְ וֵויי גֶעטוּן?

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס אוֹיךְ, אוֹיב עֶס אִיז גֶענוּג אַז אִיךְ דֶערְצֵייל עֶס נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער דַארְף אִיךְ דָאס אוֹיךְ זָאגְן פַאר יֶענֶעם.

וָואס אִיז טַאקֶע דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג זִיךְ צוּ פִירְן אִין דֶעם? אִיךְ ווִיל זִיךְ נִישְׁט נַארְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ״ב שׁוֹבְבִי״ם, ח׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי נִישְׁט אֶחָד בְּפֶה וְאֶחָד בְּלֵב; אַז אֵיינֶער טוּט דִיר וֵויי - קֶענְסְטוּ דָאס מִיט יֶענֶעם אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן, ווִי אֵיידֶער אַרוּם גֵיין מִיט אַ פַאלְשֶׁע שְׁמֵייכְל אוּן אִינֶעווֵיינִיג זַיין פוּל מִיט הַאס אוּן פַיינְטְשַׁאפְט.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן יֶעדֶע זַאךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. זוּךְ אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אוּן גֵיי אַהִין יֶעדְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; שְׁמוּעֶס מִיט אִים אַזוֹי ווִי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ גוּטֶער פְרַיינְט, וֶועסְטוּ בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט בַּאקוּמֶען אַ יִשּׁוּב הַדַעַת, עֶס וֶועט דִיר שׁוֹין מֶער נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס דֶער זָאגְט אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען וַוייט פוּן דִי מַדְרֵיגוֹת הַצַּדִּיקִים - דָאךְ קֶענֶען מִיר אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּ דֶעם דוּרְךְ פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

רֵאשִׁית כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר דִי פִילֶע תְּשׁוּבוֹת אוֹיף אַלֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת, דָאס אִיז אַ גֶעוואלְדִיגֶע חֶסֶד צוּ עֶנְטְפֶערְן פַאר יֶעדֶעם זַיינֶע שְׁאֵלוֹת וָואס דְרוּקְט אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַסַאךְ כֹּחוֹת אוֹיף ווַייטֶער.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת יֶעדֶע נַאכְט, לְמַעֲשֶׂה ווֵייס אִיךְ אָבֶּער נִישְׁט

פוּן וִויפִיל אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט מֶען קֶען שׁוֹין זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת, אָדֶער דַארְף מֶען עֶנְדֶערְשׁ אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְמִיטְן דִי נַאכְט אָדֶער גָאר פְּרִי פַארְטָאגְס עֶס צוּ זָאגְן?

אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר בִּיטֶע עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דֶעם, וָואס אִיז דִי בֶּעסְטֶע וֶועג וֶוען צוּ זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ״ב שׁוֹבָבִ״ים, ח׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועג וִוי אַזוֹי עֶס דַארְף זַיין, בַּיי אֵיינֶעם אַרְבֶּעט בֶּעסֶער זִיךְ לֵייגְן פְּרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין בַּיי חֲצוֹת, בַּיי אַ צְוֵוייטְן אַרְבֶּעט בֶּעסֶער בְּלַייבְּן אוֹיף זָאגְן חֲצוֹת; יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיין וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**אַזוֹי אוֹיךְ מִיט לֶערְנֶען; בַּיי אֵיינֶעם אִיז גְרִינְגֶער דָאס אוֹיפְשְׁטֵיין פַארְטָאגְס אוּן בַּיי אֵיינֶעם אַרְבֶּעט זִיךְ בֶּעסֶער אוֹיס אוֹיפְצוּבְלַייבְּן בַּיינַאכְט לֶערְנֶען, יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף קוּקְן וִוי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיי אִים.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מֶער גֶעשְׁמַאק דָאס לֶערְנֶען אִין חֵדֶר?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוֹין אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי. וֶוען מַיין רֶבִּי דֶערְצֵיילְט פוּן דִי פַּרְשָׁה אִיז עֶס זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק, אוֹיךְ וֶוען עֶר דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת, אָבֶּער וֶוען מֶען לֶערְנְט אִיז עֶס שְׁוֶוער, אוּן אוֹיךְ צוּ לַאנְג פַאר מִיר אִין אֵיין צוּ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס אוּן פַאר דִי שִׁיעוּרִים

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ"ב שׁוֹבָבִי"ם, ח' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דוּ בִּיסְט נִישְׁט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער אִינְגְל וֶועם עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִים אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועזְן אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ לֶערְנֶען, קוּק וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, ווִי אַזוֹי עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען לֶערְנֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶועזְן אַ יוּנְג קִינְד. "וְסִפֵּר שֶׁכָּל לִמּוּדוֹ בָּא לוֹ בִּיגִיעָה גְּדוֹלָה", דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶועזְן יוּנְג, "כִּי בִּתְחִלָּה הָיָה לוֹמֵד מִשְׁנָיוֹת וְלֹא הָיָה מֵבִין לִמּוּדוֹ", עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהָיָה בּוֹכֶה הַרְבֵּה לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיָּאִיר עֵינָיו", וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, "וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה כָּל כָּךְ עַד שֶׁזָּכָה שֶׁיּוּכַל לִלְמוֹד מִשְׁנָיוֹת", אִיךְ הָאבּ אַזוֹי סַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - בִּיז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין מִשְׁנַיוֹת. "וְכֵן אַחַר כָּךְ לָמַד שְׁאָר סְפָרִים וְלֹא הָיָה מֵבִין גַּם כֵּן", נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט אַנְדֶערֶע סְפָרִים אוּן עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה גַּם כֵּן הַרְבֵּה מְאֹד עַד שֶׁזָּכָה לַהֲבִינָם", הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, אוֹת ח).

וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט גְלַייךְ בַּיים אָנְהוֹיבּ אַ זִיסְקֵייט אוּן אַ טַעַם, אָבֶּער מִיט דִי צַייט הוֹיבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אוּן אַ טַעַם. אַנְדֶערְשׁ אִיז מִיט עוֹלָם הַזֶּה, גְלַייךְ בַּיים אָנְהוֹיבּ שְׁפִּירְט מֶען אַ טַעַם אוּן שְׁפֶּעטֶער פַארְלִירְט מֶען דִי טַעַם.

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער - וֶועט דִיר מִיט דִי צַייט וֶוערְן גְרִינְגֶער אוּן בֶּעסֶער; מִיט דִי צַייט וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַזַא זִיסְקֵייט אִין

לֶערְנֶען – אַז דוּ וֶועסְט מֶער גָארנִישְׁט וֶועלְן, נָאר לֶערְנֶען און לֶערְנֶען דַיין גַאנְץ לֶעבְּן. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "כְּשֶׁהַתּוֹרָה מַרְאָה אַהֲבָה לְאֶחָד", ווען דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר וַוייזְן אִיר פָּנִים, "אָז אֵין רוֹצֶה כְּלָל עוֹלָם הַבָּא", וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן קַיין עוֹלָם הַבָּא, "רַק שֶׁרוֹצֶה אֶת הַתּוֹרָה בְּעַצְמָהּ", דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ נָאר וֶועלְן לֶערְנֶען נָאךְ און נָאךְ תּוֹרָה; אַזוֹי גוּט אִיז דִי תּוֹרָה, נָאר אִין אָנְהוֹיבּ שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט קַיין טַעַם.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פִּיר זִיךְ אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, פָאלְג דַיינֶע מְלַמְדִים און לֶערְן מִיט גֶעדוּלְד בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי קֶען אַ גָרוֹשׁ זִיךְ מְחַזֵק זַיין?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ גָרוֹשׁ, און מַמָשׁ יֶעדְן טָאג טְרֶעף אִיךְ זִיךְ אַלֵיינְס, סְפֶּעצִיעֶל בַּיינַאכְט, אָדֶער שַׁבָּתִים וְיָמִים טוֹבִים. אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ טַאקֶע צוּ הַאלְטְן פְּרִישׁ און גֵיין יֶעדֶע וָואךְ צוּ אַן אַנְדֶערֶער בְּרוּדֶער אָדֶער שְׁוָואגֶער אָבֶּער נָאכְאַלְץ בִּין אִיךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן מִיט קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס עֶר הָאט מִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַזַא מַצָב, אִיךְ ווִיל שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה הָאבְּן און טַאקֶע שׁוֹין דָאס לֶעצְטֶע מָאל מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ יֶעצְט אַליין.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין טָאג טֶעגְלִיךְ אַז אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אַלֵיינְס טְרֶעפְן מִיט מִיר אַלֵיינְס און אֵייבִּיג קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל און מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט.

אוֹיךְ הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז אֶפְשָׁר דָא אַ תְּפִלָּה וָואס אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט זָאגְן יֶעדְן טָאג פַאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ? דִי תְּפִילוֹת פַאר עֶלְטֶערֶע בָּחוּרִים אִיז נִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר אִינְגֶעלַייט אִין מַיין מַצָב.

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי דְרָשׁוֹת

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, כ״ג שׁוֹבְבִי״ם, ט׳ שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן? מֶען טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שמט): ״שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ״, מֶען קֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט זַיין סֵפֶר, ״וְאָמַר״, נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, ״שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו, רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת״, וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, ״אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קֻשְׁיוֹת לְבָבוֹ״, וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע זַיינֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה.

דָא הָאסְטוּ אַ שֵׁיינֶע תְּפִלָּה פוּן מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פַאר בָּחוּרִים. דִי זֶעלְבֶּע תְּפִלָּה אִיז פַאר אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז אַלֵיינְס אָן אַ וַוייבּ, דִי תְּפִלָּה אִיז אוֹיךְ פַאר מֵיידְלֶעךְ אוּן פַאר פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען אַלֵיינְס. זָאג דִי תְּפִלָּה, אוֹיךְ לֵייג אַרַיין דַיינֶע אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער, בִּיז דוּ וֶועסְט זֶען דַיין יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

תְּפִלָּה:

״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג אוּן נִישְׁט דַארְפְן וַוארְטְן מֶער אַזוֹי לַאנְג.

הֵייליִגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אֵייבִּיג גֶעוֶוען אַזוֹי וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

אִיךְ בֶּעט דִיר אָבֶּער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם און צוּלִיב דֶעם צוּרִיק הַאלְטְן מַיין שִׁידוּךְ. זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, און הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין שְׁנֶעל חֲתוּנָה הָאבְּן, און דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן און רַאטֶעוֶוען אַז אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת און אִיךְ זָאל שׁוֹין זַיין וואוֹיל און עֶרְלִיךְ.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם? פוּן מַיין זַייט בִּין אִיךְ גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן הַיינְט נַאכְט! וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ? אִיךְ וַוארְט און אִיךְ וַוארְט און אִיךְ בֶּעט דִיר שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, און דֶערְוַוייל אִיז עֶס נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן אוּנְז אַז וֶוען אֵיינֶער הָאט חֲתוּנָה נָאךְ דִי צְוָואנְצִיג יָאר, וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, און דוּ זָאגְסְט אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ אַז זַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין. פַארְוָואס זָאל מִיר קוּמֶען אַזַא הַארְבֶּער עוֹנֶשׁ אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, און אַז מַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין? וָואס בִּין אִיךְ דֶען שׁוּלְדִיג? פַארְוָואס קוּמְט עֶס מִיר? אִיז מִיר נִישְׁט גֶענוּג דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין און וֵוייטָאג וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן דֶעם אַלֵיין אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט?

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת און גֶעדוּלְד, און אוֹיסְוַוארְטְן מִיט רוּאִיגְקֵייט בִּיז אִיךְ וֶועל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִיר. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דוּ טוּסְט אַלֶעס נָאר צוּם גוּטְן, און יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, און מִיט דֶעם זָאל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן און נִישְׁט זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן פוּן מַיינֶע שְׁוֶועריִקַייטְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר פַארְשְׁטֵיין! נָאר דוּ וֵוייסְט מַיינֶע גֶעפִילְן! ווי אַזוֹי אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט און דֶערְנִידֶערְט פוּן מִיר אַלֵיין! אַז אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט און נָאר אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין! הֶעלְף מִיר אַז דִי בִּזְיוֹנוֹת זָאלְן זַיין פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת אַז מִיט דֶעם זָאל אִיךְ אָפְּקוּמֶען אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן אַזוֹיפִיל און אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן בְּקָרוֹב.

אִיךְ וֵייס אוּן אִיךְ גְלֵייבּ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַז דוּ וֶועסְט מִיר זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן. סוֹף כָּל סוֹף וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. אוּן דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אִינְדֶערְהֵיים, עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן בַּיי אוּנְז אַהֲבָה וְאַחְוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן גֶעט'ן חַס וְשָׁלוֹם.

הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ וַתְּרָן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג מְוַותֵּר זַיין אוּן נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן נָאר שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְהֶעלְפְן. מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע הוֹיז, עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין דִי לוּפְט בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים. אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיפְצִיעֶן אוֹיפְ'ן עֶרְלִיכְן אִידִישְׁן וֶועג אוּן זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי. מַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אָפְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרַיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים אוּן צוּ טוּן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן חֶסֶד.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה, אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין, אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶעבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה], אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

...

## זָאל מֶען זִיךְ צַאמְקוּמֶען פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אוּם שַׁבַּת שִׁירָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען זָאל זִיךְ צַאמְקוּמֶען דִי וָואךְ, שַׁבַּת שִׁירָה, אוּם פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ צוּ זָאגְן שִׁירָה צוּזַאמֶען?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ״ד שׁוֹבָבִי״ם, י׳ שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ג**

**לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאַי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מִיר פִירְן זִיךְ צַאמְצוּקוּמֶען שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח בַּיינַאכְט זָאגְן שִׁירָה אִינְאֵיינֶעם, אָבֶּער נִישְׁט שַׁבָּת שִׁירָה.**

**מֶען קֶען זִיךְ אַלְץ צַאמְקוּמֶען רֶעדְן פוּן רֶבִּי׳ן, פוּן רֶבִּי נָתָן אוּן מוֹהֲרָא״שׁ, וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי׳ן וֶוערְט מֶען נֵיי גֶעבּוֹירְן, מֶען וֶוערְט פוּל מִיט הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה וְכוּ׳.**

**אִיךְ וֵוייס אָבֶּער נִישְׁט אוֹיבּ דִי וָואךְ אִיז גֶעאֵייגְנְט דָאס צוּ טוּן, וַוייל וִוי זֵיי זָאגְן פָּארְאוֹיס דַארְף צוּ זַיין זֵייעֶר קַאלְט פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְנֶעמֶען וֶוען יֶעדֶער קוּקְט אוֹיף מִיר?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

ווּאוּ אִיךְ גֵיי מִיט פְּרוֹיעֶן פוּן שְׁטֶעטְל, אַלְץ אִיז דָא אַ גוּטֶע גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט, עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק דָא בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְנֶעמֶען אַז מֶען קוּקְט אוֹיף מִיר, עֶס שְׁטֶערְט מִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז אַלֶע פְרוֹיעֶן קוּקְן אוֹיף מִיר, אִיךְ וָואלְט זִיךְ אָנְגֶעטוּן אַ מַאסְק אַ גַאנְץ יָאר, וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, כ"ה שׁוֹבָבִי"ם, י"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי עֵצָה פַאר דֶעם, אוּן פַאר אַלֶע אַנְדֶערֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס לָאזְן נִישְׁט צוּרוּ דֶעם מֶענְטְשׁ - אִיז אֱמוּנָה; אֱמוּנָה אִיז דִי רְפוּאָה פַאר דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען - אִיז אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחְלוֹת, אוּן זֵיי לַיידְן פוּן דֶעם נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוּיף אוֹיף יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צַאם.

זָאגְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחְלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, דַאן הֶעלְפְט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת. דָאס מֵיינְט מֶען דִי יְסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט פוּן אַלֶע סָארְט יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ; עֶס פַּיינִיגְט זֵיי פוּן אִינֶעוֵויינִיג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

דֶערְפַאר זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, טְרַאכְטְס: 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר אִיז אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים. אַלֶע מֶענְטְשְׁן, אַלֶעס - אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל' - וֶועט אַייךְ שׁוֹין נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז מֶען קוּקְט אוֹיף אַייךְ, עֶס וֶועט אַייךְ בִּכְלַל נִישְׁט אָנְגֵיין מֶענְטְשְׁן, אִיר וֶועט לֶעבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

איר זֶענְט נִישְׁט דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וָואס שְׁרַייבְּט מִיר אַזַא בְּרִיוו, זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁרַייבְּן מִיר דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער מַמָּשׁ, אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט גֵיין צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, וַוייל עֶס הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעבּוֹיט אַזֶעלְכֶע מַחֲשָׁבוֹת אַז יֶעדֶער קוּקְט אוֹיף זֵיי אוּן אַלֶע טְרַאכְטְן אִיךְ בִּין נִישְׁט גוּט וְכוּ׳ וְכוּ׳.

גֶעוֶוענְלִיךְ פַּאסִירְט דָאס וֶוען אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן הָאט מֶען נִישְׁט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אֱמוּנָה, אַלֶע יָארְן אִין שׁוּלֶע אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען מִיט קָאנְקוּרֶענְץ, וֶוער אִיז דָאס בֶּעסְטֶע קִינְד, אוּן וֶוער קֶען נָאכְמַאכְן דֶעם אוּן דֶעם קִינְד; מֶען הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אֱמוּנָה, מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט פַּארְלֵייגְט אוֹיף אֱמוּנָה, דִי וֶועג פוּן טְרַאכְטְן אִיז גֶעוֶוען נָאר אוֹיף דֶער זַאךְ ׳וָואס וֶועט מֶען זָאגְן אוֹיף מִיר וְכוּ׳ וְכוּ׳׳.

עֶס אִיז נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט, הוֹיבְּט אָן פוּן יֶעצְט זִיךְ פַּארְלֵייגְן אוֹיף חַזֶר׳ן אֱמוּנָה. זִינְגְט זִיךְ נִגּוּנֵי אֱמוּנָה אוּן הֶערְט שִׁיעוּרִים פוּן אֱמוּנָה – וֶועט אַלֶעס אַוֶועקְגֵיין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, וַוייל אַז מֶען צִינְדְט אָן אַ לֶעקְטֶער וֶוערְט פַארְשְׁווִינְדְן דִי טִינְקֶלְקֵייט. אֱמוּנָה בְּרֶענְגְט לִיכְטִיגְקֵייט, אַזוֹי וִוי דֶער הַנָּבִיא זָאגְט (יְחֶזְקֵאל מג, ב): ״וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ״, עֶס אִיז לִיכְטִיג גֶעוָוארְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא הָאט גֶעזֶען דִי מֶרְכָּבָה – אִיז פְּלוּצְלוּנְג גֶעוָוארְן זֵייעֶר לִיכְטִיג, אַזוֹי אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה. דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן (שָׁם א, א): נִ׳פְתְּחוּ הַ׳שָּׁמַיִם וָ׳אֶרְאֶה מַ׳רְאוֹת אֱ׳לֹקִים - אִיז אֱמוּנָה, דָאס וָואס יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, צוּ נִ׳פְתְּחוּ הַ׳שָּׁמַיִם וָ׳אֶרְאֶה מַ׳רְאוֹת אֱ׳לֹקִים, עֶס הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט דִי הִימְל אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען דִי גַאנְצֶע מֶרְכָּבָה – צוּ דֶעם קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ אֱמוּנָה, אוּן דֶעמָאלְט וֶוערְט לִיכְטִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ טוּן צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל הָאב אִיךְ זִיךְ גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע זַאכְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר אוּנְז, סַיי מִיט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים אוּן אוֹיךְ מִיט דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוְון וָואס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַזֵּק.

יֶעצְט צוּם שְׁאֵלָה, אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן אִיךְ הָאב שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער. אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת אוּן אַסַאךְ גְמָרָא, אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר אַסַאךְ, אִיךְ גִיס זִיךְ אוֹיס מַיין הַארְץ צוּם אִים אוּן אַלֶעס בֶּעט אִיךְ אִים, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ דִי נוֹשֵׂא פוּן הִיטְן דִי אוֹיגְן אִיז מִיר בִּיטֶער בִּיטֶער בִּיטֶער, עֶס רִינְט מִיר טְרֶערְן וֶוען אִיךְ שְׁרַייבּ דֶעם בְּרִיוו.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם, שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין קָאמְפְּיוּטֶער אָדֶער טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען קוּקְן דֶערוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, זָאל דֶער בַּאשֶׁעפֶער שׁוֹמֵר וּמַצִּיל זַיין. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, שְׁ'כֹּחַ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער. אָבֶּער יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ גֵיי אִין גַאס מוּז אִיךְ קוּקְן אוּן בַּאטְרַאכְטְן יֶעדֶע פְרוֹי, רַחֲמָנָא לִיצְלָן. אַסַאךְ מָאל אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע מִתְגַּבֵּר אוֹיף מִיר אוּן אִיךְ פָאר צוּ אַנְדֶערֶע גֶעגֶנְטֶער בְּלוֹיז כְּדֵי צוּ קוּקְן אוֹיפְן גַאס אוֹיף אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע פְרוֹיעֶן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן אִיךְ קוּק אוּן אִיךְ קוּק אוּן אִיךְ קוּק, נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. אִיךְ וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְן קוּקְן אוּן נָאכְן קוּקְן, אָבֶּער אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס, אוּן עֶס וֶוערְט נָאר עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

אִיךְ טוּ דִי עֵצָה פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, אַסַאךְ גְמָרָא, בַּיִת נִצְחִי, דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן טוּ אִיךְ אוֹיךְ, אַלֶעס דֶערְצֵייל אִיךְ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בִּין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ לֶעבְּן אַזוֹי וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֶערְנְט אוּנְז, אִין מִקְוֶה גֵיי אִיךְ יֶעדְן טָאג, אִיךְ זָאג יֶעדְן טָאג תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, אִיךְ גֵיי צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים אַסַאךְ, פַארְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּב לֵייג אִיךְ דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ טוּן אַז עֶס זָאל מִיר אָנְהוֹיבְּן עֶקְלֶען, אַז אַזוֹי וִוי אִיךְ קוּק נִישְׁט אוֹיף אַ הוּנְט - זָאל מִיר נִישְׁט צִיעֶן אַ פְרֶעמְדֶע פְרוֹי?

דִי טְרֶערְן הֶערְן נִישְׁט אוֹיף צוּ רִינֶען, אוֹי רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין

הֵיילִיג און אָפְּגֶעהִיטְן און בַּאפְרֵייט פון מַיין שְׁוֶועֶרֶע יֵצֶר הָרָע, אָבֶּער יֶעדְן טָאג כַּאפְּט עֶר מִיךְ נָאכְאַמָאל אַרַיין אִין זַיין זַאק, און אִיבֶּער אַלֶעס שְׁטֶערְט מִיר אַז מַיין מֹחַ אִיז פַארבְּרֶענְט פון דִי אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן וָואס אִיךְ זֶע אוֹיפְן גַאס. וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ טוּן? מַיין מֹחַ וֶוערְט פַארבְּרֶענְט טָאג טֶעגְלִיךְ, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד און הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ.

אִיךְ קֶען אַסַאךְ וֶוערְטֶער פון חִיזוּק, ווִי לְמָשָׁל "אָדֶער אַ נִסָּיוֹן אָדֶער אַ בִּזָּיוֹן", און נָאךְ און נָאךְ, און אִיךְ וֵוייס אַז מֶענְטְשְׁן זֶעעֶן ווִי אִיךְ גֵיי אוֹיפְ'ן גַאס און אִיךְ קוּק, אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר אַזוֹי ווִי אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע פֵייעֶר, און אִיךְ קֶען עֶס אֲפִילוּ אִיבֶּערְזָאגְן און מְחַזֵּק זַיין אַנְדֶערֶע אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן און הִיטְן דִי אוֹיגְן, אָבֶּער וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן אַן עֵצָה.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ"ה שׁוֹבָבִי"ם, י"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאג נִישְׁט אַז דִי עֵצוֹת הֶעלְפְן דִיר נִישְׁט, עֶנְדֶערְשׁ טְרַאכְט 'מִן הַסְּתָם טוּ אִיךְ נִישְׁט גֶענוּג דִי עֵצוֹת'. אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קעו) "פַּעַם אַחַת שָׁאַלְתִּי אוֹתוֹ", אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "מַדּוּעַ כַּמָּה יְרֵאִים הִתְיַגְּעוּ בַּעֲבוֹדַת ה' הַרְבֵּה מְאֹד (שֶׁקּוֹרִין הָארִיוֶוין) וְאַף עַל פִּי כֵן לֹא הִגִּיעוּ לְמַדְרֵגַת הַצַּדִּיקִים הַגְּדוֹלִים", עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעהָארֶעוֶועט אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם און מִיט דֶעם אַלֶעם זֶענֶען זֵיי נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה פון צַדִּיקִים, ווִי קֶען דָאס זַיין? "הֵשִׁיב בִּפְשִׁיטוּת", הָאט דֶער רֶבִּי מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "מִן הַסְּתָם הָאבְּן זֵייא נִישְׁט גְּיהָארִיוֶועט, כִּי הַכְּלָל: שֶׁעִקַּר הוּא הַיְגִיעָה, וְהַכֹּל לְפִי רֹב הַמַּעֲשֶׂה", וַוייל אוֹיבּ מֶען הָארֶעוֶועט, מֶען טוּט דִי עֵצוֹת פון צַדִּיקִים - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק.

ווִי שְׁטַארְק דַיין יֵצֶר הָרָע אִיז - זֶענֶען דִי עֵצוֹת פון דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים נָאךְ שְׁטֶערְקֶער, ווִי טִיף גֶעפַאלְן דוּ בִּיסְט - זֶענֶען דִי צַדִּיקִים בְּכֹחַ אוֹיךְ דִיךְ

אַרוֹיס צוּ שְׁלֶעפְּן פוּן דַיין שְׁאוֹל תַּחְתִּית. אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג הֶעלְפְט - אִיז דָאס אַזוֹי, עֶס הֶעלְפְּט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט) "שֶׁאֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי קְדוּשָּׁה - עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה; בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כָּךְ וְכָךְ' - וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

זָאג נִישְׁט: "אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט דִי עֵצוֹת אוּן מִיר הֶעלְפְט דָאס נִישְׁט", עֶס אִיז נִישְׁט וָואר; אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט לִימוּד הַתּוֹרָה רַאטֶעוֶועט פוּן פְּגַם הַבְּרִית - וֶועט דִיר דָאס הֶעלְפְן. דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג) וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט אִיבֶּערְגֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ דִי עֵצָה פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז, תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס!" אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה וֶועט עֶר אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַזוֹי אוֹיךְ נֶעם דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, וִוי שְׁטַארְק דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט; זָאלְסְטוּ דָאס טוּן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן טוֹיזְנְט מָאל אוּן הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט מָאל - בִּיז מֶען וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבְּן פוּן הִימְל אוֹיף דִיר אוּן מֶען וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

גֵיי אִין אַ ווִינְקְל וואוּ קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט וָואס דוּ טוּסְט אוּן רֶעד צוּם

**אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁטַארְק עֶס בְּרֶענְט אִין דִיר דֶער יֵצֶר הָרָע, וֵויין צוּ אִים אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, זָאג אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין אַזַא רַחְמָנוּת, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אָרִיךְ אַנְפִּין דִקְלִפָּה, אִיךְ הִיט נִישְׁט מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ קוּק אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן, אִיךְ פַארְלִיר מַיין שֵׂכֶל, אִיךְ פַארְלִיר מַיין מֹחַ, אִיךְ פַארְבְּרֶענְן מַיין נְשָׁמָה מִיטְן קוּקְן אוֹיף עֲבֵירוֹת, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, הֶעלְף מִיר מִיט דַיין גְרוֹיס רַחְמָנוּת!" אַזוֹי זָאלְסְטוּ שְׁרַייעֶן צוּ אִים אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק מִיט הֵיילִיגֶע אוֹיגְן.**

כַאפּ זִיךְ אָן מִיט דִי צְוֵויי עֵצוֹת, וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען דוּ זֶעסְט אַז דוּ פַאלְסְט נָאךְ. אַז דוּ פַאלְסְט נָאכְאַלְץ זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לוֹיפְן צוּם מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק, אוּן גֵיי נָאכְאַמָאל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין - וֶועסְטוּ וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס זֶענֶען דִי אִידִישֶׁע וֶוערְטֶער בַּיים סוֹף פוּנֶעם נִיגוּן "אָמַר ה' לְיַעֲקֹב"?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב זִיךְ גֶעוָואלְט זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ וַוייטֶער גֶעבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, הֱיוֹת מִיר עֶסְן יֶעדְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִינְאֵיינֶעם דִי סְעוּדַת מְלַוֶה מַלְכָּה אוּן מִיר זִינְגֶען צוּזַאמֶען דִי זְמִירוֹת מִיט דִי קִינְדֶער. מִיר הָאבְן נִישְׁט אַזוֹי גוּט גֶעקֶענְט נִיגוּנִים אִין אָנְהוֹיבּ, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבְן מִיר זִיךְ צוּגֶעהֶערְט אוֹיף "קוֹל בְּרֶסְלֶב" וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זִינְגְט דִי זְמִירוֹת לְמוֹצָאֵי שַׁבָּת אוּן מִיר הָאבְן מִיטְגֶעזִינְגֶען. מִיר הָאבְן אָבֶּער גֶעהֶערְט אַז בַּיים סוֹף פוּן דֶעם נִיגוּן "אָמַר ה' לְיַעֲקֹב" זִינְגְט מֶען דָארְט עֶפֶּעס אִידִישֶׁע וֶוערְטֶער, וָואס פּוּנְקְטְלִיךְ זֶענֶען דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען זִינְגְט דָארְט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁשִּׁי פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, כ"ו שׁוֹבְבִי"ם, י"ב שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ עֶסְן סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, עֶס אִיז מְסוּגָּל אוֹיף זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן.

עֶס אִיז מְסוּגָּל פַאר שִׂמְחָה. עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִּיקִים (סֵפֶר דִּבְרֵי יִצְחָק, אוֹת לג) בְּשֵׁם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): "חַ'מִּין בְּ'מוֹצָאֵי שַׁ'בָּת מְ'לוּגְמָא" - אִיז מְרוּמָּז אִין דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת דָאס וָוארְט (תְּהִלִּים קמז, ג): "וּמְחַבֵּ"שׁ לְעַצְּבוֹתָם", אַז דָאס נֶעמְט אַוֶּועק דִי עַצְבוּת. אוֹיךְ אִיז דָאס מְסוּגָּל פַאר פְרוּיעֶן פַאר הוֹלָדָה בְּנָקֵל וּבְנַחַת. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "אַ סְגוּלָה פַאר גֶעבּוֹירְן קִינְדֶער גְרִינְג, אִיז זִיךְ וַואשְׁן צוּ סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה".

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ זִינְגֶען זְמִירוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ זִינְגֶען זְמִירוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קד) דָאס זִינְגֶען זְמִירוֹת שַׁבָּת אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת - אִיז אַ יְסוֹד אִין אִידִישְׁקֵייט.

בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זִינְגְט מֶען בַּיים סוֹף פוּנֶעם זֶמֶר "אָמַר ה' לְיַעֲקֹב", וֶוערְטֶער וָואס אִיז זֵייעֶר מְחַזֵּק, מֶען זִינְגְט אַזוֹי:

"שָׁב ה' אֶת שְׁבוּת יַעֲקֹב - יָא טַאטֶע יָא, יָא פָּאטֶער יָא,

אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב - נֵיין טַאטֶע נֵיין, נֵיין פָּאטֶער נֵיין.

מִיר הָאבְּן פַאר קֵיינֶעם מוֹרָא נִישְׁט - נָאר פַאר דִיר אַלֵיין,

מִיר הָאבְּן פַאר קֵיינֶעם מוֹרָא נִישְׁט - נָאר פַאר דִיר אַלֵיין".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**נֶעמְט זִיךְ פָאר לְכָבוֹד אַייעֶר גֶעבּוּרְטְס-טָאג זִיךְ אָפְּצוּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וָאֵרָא, ח' שׁוֹבָבִי"ם, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג**
**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

נֶעמְט זִיךְ פָאר לְכָבוֹד אַייעֶר גֶעבּוּרְטְס-טָאג זִיךְ אָפְּצוּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט - אָן זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער. אֵיידֶער אִיר גֵייט שְׁלָאפְן - זָאלְט אִיר זִיךְ אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער.

זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג) תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן סְגוּלוֹת לִיגְט אִין תְּהִלִּים.

פִירְט זִיךְ מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ צוּ אַייעֶרֶע לֶערֶערִינְס. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶּרֶךְ אֶרֶץ זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, אַזוֹי וֶועט אִיר מִיר מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ.

...

**זַיי שְׁטַארְק בְּלִימּוּד הַתּוֹרָה, קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי בִּלְבּוּלִים**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וָאֵרָא, י"ב שׁוֹבָבִי"ם, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג**
**לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר דִיךְ צוּ זֶען לֶערְנֶען מִיט הַתְמָדָה, דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן

טָאג גַאנְץ מַסֶכֶת תַּעֲנִית.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט טְרֶעפְן בְּקָרוֹב דַיין שִׁידוּךְ, דַיין זִיווּג, אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

זַיי שְׁטַארְק בְּלִימוּד הַתּוֹרָה, קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי בִּלְבּוּלִים וְכוּ׳ וְכוּ׳; נָאר לֶערְן וַוייטֶער אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי׳ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), וָואס הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט צוּ לֶערְנֶען אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה כְּלַל.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיךְ זֵייעֶר.

...

## לֶערְנֶען אוּן לֶערְנֶען אָן אוֹיפְהֶער; דָאס וֶועט דִיךְ הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, ט״ו שׁוֹבָבִי״ם, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

זֶע צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, נָאר אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה הָאט מֶען הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן.

קַיין שׁוּם זַאךְ מַאכְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, נָאר אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה; אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִים יט, ט): ״פִּקּוּדֵי ה׳ יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב״, תּוֹרָה דֶערְפְרֵיידְט דָאס הַארְץ.

יֶעצְט בִּיסְטוּ שׁוֹין אַ חָתָן אוּן דוּ גְרֵייטְסְט זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אוּן לֶערְנֶען אָן אוֹיפְהֶער; דָאס וֶועט דִיךְ הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**מִשְׁנַיוֹת לַייטֶערְט אוֹיס דִי נְשָׁמָה, מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, ט״ו שׁוֹבָבִי״ם, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב פַארְ׳ן מְסַיֵים זַיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה דִי צְוָואנְצִיגְסְטֶע מָאל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אוּן טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

זַיי מַמְשִׁיךְ צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת; מִשְׁנַיוֹת לַייטֶערְט אוֹיס דִי נְשָׁמָה, מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

...

**תּוֹרָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְחוֹרָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ט״ז שׁוֹבָבִי״ם, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, תשפ״ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

לֶערְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה
דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְחוֹרָה,
דוּ וֶועסְט זַיין נָאנְט צוּם בּוֹרֵא
אוּן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט הָאבְּן קַיין מוֹרָא.

...

**לֶערְן דֶעם בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, וֶועסְטוּ מִיר מַאכְן נַחַת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ט״ז שׁוֹבָבִי״ם, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, תשפ״ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער זוּן, לֶערְן דֶעם בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג – וֶועסְטוּ מִיר מַאכְן נַחַת; פַאר מִיר אוּן פַאר מַאמִי תִּחְיֶ׳.

...

## מַאכְן אַ צַייט זִיךְ אָפְּצוּשֵׁיידְן פוּן אַלֶעמֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בֹּא, י"ז שׁוֹבְבִי"ם, ב' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט חַזֶר'ן שְׁטֶענְדִיג, וֶוען מִיר זָאלְן נִישְׁט מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן נָאר פַאר דִי אֵיינֶע זַאךְ, צוּ בַּאקוּמֶען תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת - אִיז שׁוֹין אַלֶעס כְּדַאי גֶעוֶוען. וַוייל אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה - וֶוערְט פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, פוּן אַלֶע דִינִים - דִינָא קַדִישָׁא. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן עד): "וְסִימָן שֶׁיֵּדַע אָדָם", וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן וִוי מֶען הַאלְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, "אִם הוּא בִּבְחִינַת דִינָא דְּמִסְאֲבָא", אוֹיב מֶען אִיז בַּיי דִי טוּמְאָה, "וְאִם הוּא בִּבְחִינַת דִינָא קַדִישָׁא", אָדֶער מֶען אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן? "סִימָן לַדָּבָר, תְּפִלָּה", אוֹיב מֶען אִיז שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז מֶען בַּיי דִי קְדוּשָׁה.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּרוּדֶער אִין תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מַאךְ זִיךְ אַ בַּאשְׁטִימְטֶער צַייט וֶוען דוּ שֵׁיידְסְט דִיךְ אָפּ פוּן אַלֶעמֶען אוּן דוּ רֶעדְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ק) אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר מַדְרֵיגָה דוּרְךְ דִי עֲבוֹדָה פוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז אַזוֹי וִוי אַן עֶירְקָאנְדִישְׁן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בֹּא, י"ז שׁוֹבְבִי"ם, ב' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר גֶעבְן אַ מַתָּנָה, אַן עֶירְקָאנְדִישְׁן בַּיי מִיר אִין שְׁטוּב, אוּן פַארְ'ן שִׁיקְן דַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס זָאלְן דָאס אִינְסְטָאלִירְן; אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּלִימוּד הַתּוֹרָה, זַיי שְׁטַארְק אִין לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג. לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז אַזוֹי וִוי אַן עֶירְקָאנְדִישְׁן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן

חֵלֶק א׳, סִימָן צב) אוֹיף דִי וֶוערְטֶער וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט (תִּקּוּנֵי זוֹהַר תִּיקּוּן יג, דַּף כז:): "אִלְמָלֵא כַּנְפֵי רֵאָה דְּנָשְׁבֵי עַל לִבָּא", וֶוען נִישְׁט דִי פִּינְף פְלִיגְלֶען פוּנֶעם לוּנְג וָואס בְּלָאזְט זִיךְ אוֹיף יֶעדֶע פָּאר סֶעקוּנְדֶעס, "הֲוֵי לִבָּא אוֹקִיד כָּל גּוּפָא", וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן פוּנֶעם בְּרֶענֶעדִיגְן הַארְץ. זָאגְט דֶער רֶבִּי, דִי 'חֲמִשָּׁה כַּנְפֵי רֵאָה' - דָאס אִיז 'חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה' וָואס קִילְט אָפּ דֶעם בְּרֶענֶעדִיגְן יֵצֶר הָרָע, און וֶוען נִישְׁט דִי תּוֹרָה - וָואלְט מֶען פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן פוּן דִי הִיץ פוּן דִי תַּאֲווֹת הַיֵּצֶר הָרָע.

דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַן עֶירְקָאנְדִישְׁן - ווייל אִיךְ דִיר צוּרִיק בַּאצָאלְן מִיט אַן עֶירְקָאנְדִישְׁן; אִיךְ וֶועל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, מֶדְרָשׁ, הֲלָכָה וְאַגָּדָה, סִפְרֵי רַבֵּינוּ וְעוֹד שְׁאַר סְפָרִים. עֶס הֶערְט זִיךְ אַסַאךְ, אָבֶער מִיטְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), דוּרְךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, דוּרְךְ לֶערְנֶען בְּלִי הֲבָנָה, אָן פַארְשְׁטֵיין - קֶען מֶען בַּאוַוייזְן צוּ לֶערְנֶען און עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ.

...

### נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי מִנְהָגִים פוּן דִי עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בֹּא, י"ז שׁוֹבָבִי"ם, ב' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו, מִיט דִי פְרַאגֶע אוֹיבּ אִיר זָאלְט זִיךְ מַאכְן לֵייסֶענְס צוּ פִירְן אַ קַאר; אִיר פְרֶעגְט וָואס אִיז רִיכְטִיג.

עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גְרִינְג צוּ עֶנְטְפֶערְן דִי פְרַאגֶע, וַוייל פוּן אֵיין זַייט זֶעעֶן מִיר בְּרִיוו אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל וְוִי מוֹהֲרַנְ"שׁ זָאגְט פַאר דִי פְרוֹיעֶן אִין יַבְנְאֵל זָאלְן דַוְקָא יָא אַלֵיינְס פִירְן אַ קַאר אַלְס צְנִיעוּת, עֶס זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין מִכְשׁוֹלוֹת פוּן פָארְן מִיט פְרֶעמְדֶע מֶענֶער, אִיסּוּר יִחוּד רַחֲמָנָא לִצְלָן.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְט אִיר דָאךְ אַז בַּיי אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן און בַּיי אַייעֶר מַאן'ס עֶלְטֶערְן אִיז דָאס נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען, מֶען קוּקְט אוֹיף דֶעם וְוִי אַ יְרִידָה אִין צְנִיעוּת.

ווִידֶערְאוּם מוֹהֲרָא"ש הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גְעוֶועןְ מֶען זָאל נִישְׁט אַרֶועקְגֵיין פוּן דִי מִנְהָגִים פוּן דִי עֶלְטֶערְן; סֵיי ווִי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן אוּן סֵיי מִיט אַלֶע מִנְהָגִים.

אוֹיבּ אִיז דָאס נוֹגֵעַ נָאר צוּלִיבּ וָואס אִיר ווְאוֹינְט אִין שְׁטֶעטְל, אִיר שְׁפִּירְט זִיךְ אַיינְגֶעשְׁפַּארְט; וָואלְט אִיר גֶעווְאוֹינְט אִין שְׁטָאט - וָואלְט אִיר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן פִירְן אַ קַאר, אִי מִשּׁוּם הָא - אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּרִיק צוּ גֵיין אִין שְׁטָאט ווְאוֹינֶען.

מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. הִתְבּוֹדְדוּת קְלָארְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען ווֶערְט קְלָאר ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אוּן וָואס צוּ טוּן אִין לֶעבְּן.

...

### וֶוען דִי קִינְדֶער אִין קְלַאס טְשֶׁעפֶּען פַארְ'ן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בֹּא, י"ח שׁוֹבָבִי"ם, ג' שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב פַאר דַיין סִיּוּם שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּ הֶערְן ווִי אַ קִינְד נוּצְט אוֹיס דִי יוּנְגֶע יָארְן אוּן לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען זָאל מֶען זָאגְן דִי ווֶערְטֶער, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען.

יֶעצְט זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל אָנְהוֹיבְּן מִשְׁנָיוֹת אוּן נָאכְאַמָאל אַרִיבֶּערְגֵיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג): "ווְאוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת"; אִיז גוּט זִיךְ אַרַיינְצוּשְׁטֶעקְן דִי קָאפּ, זַיין פוּן דִי וָואס עֶס אִיז ווְאוֹיל פַאר זֵיי.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע, וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן אַז קִינְדֶער פוּן דַיין קְלַאס טְשֶׁעפֶּענֶען דִיךְ אַז דוּ זָאגְסְט מִשְׁנָיוֹת; לְעֵת עַתָּה, אַז דוּ לֶערְנְסְט נָאכְנִישְׁט

אִין בְּרֶסְלֶב – זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אִין שְׁטוּבּ, אָדֶער אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אָבֶער נִישְׁט אִין חֶדֶר. דִי קִינְדֶער פוּן חֶדֶר וֶוייסְן נִישְׁט פוּן רֶבִּינְ'ס וֶועג פוּן לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין, וֶועלְן זֵיי חוֹזֶק מַאכְן, נוּ וָואס פֶּעלְט דִיר אוֹיס מֶען זָאל לַאכְן פוּן דִיר? עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ אִין חֶדֶר זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי אַלֶע קִינְדֶער אוּן אִין דַיינֶע דַייטִיגֶע צַייטְן – זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד, הָאט עֶר אַלְץ גֶעזוּכְט אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ אוּן דָארְט הָאט עֶר גֶערֶעדְט אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס וֶועט דָאס טוּן – וֶוערְן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק".

...

## דֶער צַדִיק הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ טְרֶעפְן וָואס עֶר הָאט פַארְלוֹירְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת בֹּא, י"ח שׁוֹבְבִי"ם, ג' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

לְכָבוֹד ...

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי פְּרַאגֶע.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קפח): "דַּע, שֶׁצָּרִיךְ לִנְסֹעַ לְהַצַּדִּיק לַחֲזֹר עַל אֲבֵדָתוֹ", וִויסְן זָאלְסְטוּ, מֶען דַארְף פָּארְן צוּם צַדִיק אוֹיפְצוּזוּכְן אוּן צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פַארְלוֹירְן, "כִּי קֹדֶם שֶׁיּוֹצֵא הָאָדָם לַאֲוִיר הָעוֹלָם", ווַייל אֵיידֶער מֶען וֶוערְט גֶעבּוֹירְן, "מְלַמְּדִין וּמַרְאִין לוֹ כָּל מַה שֶּׁצָּרִיךְ לַעֲשׂוֹת וְלַעֲבֹד וּלְהַשִּׂיג בְּזֶה הָעוֹלָם", לֶערְנְט מֶען מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אוּן מֶען ווַייזְט אִים אַלֶעס וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, "וְכֵיוָן שֶׁיָּצָא לַאֲוִיר הָעוֹלָם מִיָּד נִשְׁכַּח מֵאִתּוֹ", אוּן וֶוען מֶען וֶוערְט גֶעבּוֹירְן – קוּמְט דֶער מַלְאָךְ, עֶר גֶעבְּט אַ פְּלִיק דֶעם קִינְד אוּן מֶען פַארְגֶעסְט אַלֶעס. דֶעמָאלְט פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס, מֶען פַארְגֶעסְט אַלֶעס, אוּן וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי עֲבוֹדָה פוּן זוּכְן אוּן טְרֶעפְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פַארְלוֹירְן. אָבֶער וִויבַּאלְד דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט וָואס עֶר הָאט

פַארְלוֹירְן און וָואס עֶס פֶעלְט אִים, דַארְף מֶען פָארְן צום צַדִיק, עֶר זָאל וַוייזְן דֶעם מֶענְטְש וָואס עֶר הָאט פַארְלוֹירְן, און דֶער צַדִיק הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְש טְרֶעפְן אַלֶע זַיינֶע אֲבֵידוֹת, עַיֵין שָׁם.

מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן און קוּמֶען, טוּעֶן און מַאכְן, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט 'פַארְוָואס בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן? וָואס אִיז מַיין צִיל אִין לֶעבְן?' אָבֶּער וֶוער עֶס וֶוערְט מְקוּרָב צום הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און הוֹיבְּט אָן פָאלְגְן דִי עֵצוֹת בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד צום אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דִי צַייט עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף דִי אוֹיגְן, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶעבְן, מֶען פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין 'מַה חוֹבָתִי בְּעוֹלָם, וָואס טוּ אִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט? מַיין פְלִיכְט אִיז אִיךְ זָאל אַנֶערְקֶענֶען און טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, און שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'. דִי מֶענֶער לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ און דִי וַוייבֶּער הֶעלְפְן דִי מֶענֶער זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען, מֶען פִילְט זִיךְ אָן מִיט הֵיילִיגְקֵייט בִּיז מֶען בַּאקוּמְט צוּרִיק אַלֶעס וָואס דִי נְשָׁמָה הָאט גֶעלֶערְנְט און פַארְשְׁטַאנֶען אֵיידֶער זִי אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "אַךְ הַצַּדִּיק אֵינוֹ מֵשִׁיב לוֹ הָאֲבֵדָה עַד שֶׁיִּדְרְשֶׁנּוּ אִם אֵינוֹ רַמַּאי וְשַׁקְרָן", דֶער צַדִיק גֶעבְּט נִישְׁט גְלַייךְ צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶעס, נָאר נָאכְן אִים אוֹיסְפָארְשְׁן אוֹיבּ עֶר אִיז נִישְׁט קַיין לִיגְנֶער, אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז; מֶען גֵייט קוֹדֶם אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, און אוֹיבּ מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין מַשִׂיג צוּ זַיין אַלֶעס וָואס דִי נְשָׁמָה הָאט מַשִׂיג גֶעוֶוען אֵיידֶער זִי אִיז אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּרְךְ רִבּוּי הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה.

...

### נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן קִינְדֶער, בִּפְרַט יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת בֹּא, י״ח שׁוֹבְבִי״ם, ג׳ שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק
**לְכָבוֹד אוּנְזֶער חָשׁוּבְ׳עֶ מְנַהֶלֶת מָרַת ... תְּחְיֶ׳, מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, זַייט מְחַזֵק דִי לֶערֶערִינְס; זֵיי זָאלְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ צְוִוישְׁן דִי תַּלְמִידוֹת, אָבֶער נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן קִינְדֶער, בִּפְרַט יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער.

אִיךְ ווִיל נִישְׁט אִין אוּנְזֶער מוֹסָד זָאל מֶען נֶעמֶען אַ קִינְד אוּן אַיינְשְׁפַּארְן אִין אַ טוּנְקֶעלֶע שְׁטוּבּ, אִין בּוֹילֶער רוּם אוּן דֶערְשְׁרֶעקְן. עֶס אִיז דָא גֶענוּג וֶועגְן וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען קִינְדֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוֹיף אַ וֶועג אָן דֶערְשְׁרֶעקְן; וַוייל קְלֵיינֶע קִינְדֶער אַז מֶען דֶערְשְׁרֶעקְט זֵיי - קֶענֶען זֵיי חַס וְשָׁלוֹם פַארְלִירְן דֶעם דִיבּוּר, אָדֶער בְּלַייבְּן דֶערְשְׁרָאקְן פַאר אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

נֶעמְט צוּזַאם דִי לֶערֶערִינְס אֵיינְמָאל אַ וָואךְ זֵיי מְחַזֵק זַיין, אוּן פְּרֶעגְט זֵיי אוֹיס, זֵיי זָאלְן אַלֶעס מִיטְטֵיילְן מִיט אַייךְ, אַזוֹי וֶועט נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין מִכְשׁוֹלוֹת.

...

### זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת בֹּא, י״ט שׁוֹבְבִי״ם, ד׳ שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע אַרְבֶּעט פַאר דִי מוֹסָד, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער דִיךְ צוּ דַאנְקֶען, וִוי דוּ טְרָאגְסְט דֶעם גַאנְצְן עוֹל פוּן טְרֶענְסְפָּארְטֶעישְׁן, פוּן רוֹימֶען דֶעם בִּנְיָן אוּן מַאכְן זִיכֶער אַז אַלֶעס קְלַאפְּט.

אִיךְ ווִיל דִיר אָבֶער בֶּעטְן אוּן אוֹיךְ וָוארֶענֶען, מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין חִינוּךְ; אִיךְ הָאבּ דִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר חִינוּךְ. אַז קִינְדֶער צֶעבְּרֶעכְן עֶפֶּעס - הָאט דָאס נִישְׁט מִיט דִיר, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט קוּמֶען שְׁרַייעֶן אוֹיף אַ קִינְד אוּן פַארְשֶׁעמֶען פַאר אַלֶע קִינְדֶער אַז דָאס קִינְד הָאט עֶפֶּעס צֶעבְּרָאכְן;

דוּ קֶענְסְט רֶעדְן צוּם מְנַהֵל אָדֶער מְנַהֶלֶת, אָדֶער צוּ מִיר, אוּן אַז דוּ זֶעסְט אַז מֶען רֶעדְט צוּ טוֹיבֶע אוֹיעֶרְן - דַארְף דִיר דָאס נִישְׁט אָנְגֵיין.

דוּ טוּ דַיין דְזְשַׁאבּ בִּשְׁלֵמוּת; זֶע עֶס זָאל זַיין רֵיין, זֶע מִיר זָאלְן נִישְׁט דֶערְלֵייגְן גֶעלְט אוּן פַארְרֶעכְט וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן; מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אוּן זַיי נִישְׁט מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וְוִי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט צוּ דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס אִין פָּארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער. אַז דוּ שְׁרֵייסְט אוֹיף אַ מְלַמֵד אָדֶער טִיטְשֶׁער אוּן קִינְדֶער זֶעעֶן דָאס - וֶועלְן דִי קִינְדֶער זַיין מְחוּצָפִים, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן מֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין אַרְבֶּעט, אוּן אַז קִינְדֶער מַאכְן שְׁמוּצִיג אוּן צֶעבְּרֶעכְן וְכוּ׳ - קֶענְסְטוּ רֶעדְן צוּ דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ׳ אָדֶער מְנַהֵל נֵרוֹ יָאִיר, אָבֶּער דוּ זָאלְסְט נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, נֶעם אָן מַיינֶע וֶוערְטֶער; בַּאלֵיידִיג זִיךְ נִישְׁט, טוּ דַיין אַרְבֶּעט בִּשְׁלֵמוּת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּ סַאךְ דְרֵייעֶן בַּיי דִי קִינְדֶער, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן אָנְגֶעצוֹיגְן וֶוען אַ קִינְד גִיסְט וַואסֶער אָדֶער שְׁפְּרִיצְט וַואסֶער. דִי מְלַמְדִים זֶענֶען גֶעלֶערְנְט וְוִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אוּן וְוִי אַזוֹי אָפְּצוּשְׁטֶעלְן דָאס גִיסְן וַואסֶער. אוּן נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, שְׁלָאגְן אוּן דֶערְשְׁרֶעקְן; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעעֶפְנְט דִי מוֹסְדוֹת פַאר שְׁרֵייעֶן, שְׁלָאגְן, דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען.

...

### הֶערְט אוֹיף וֵויינֶען אוּמְזִיסְט, דָאס קֶען בְּרֶענְגֶען שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בֹּא, י״ט שׁוֹבבִי״ם, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק צוּ דִי כַּלָה ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי נַאסֶע בְּרִיוו, דוּרְכְגֶעוֵוייקְט מִיט טְרֶערְן.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה וָואס אִיר טוּט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית כט.) דֶער חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעוֶוען אִין דִי זֶעלְבֶּע נַאכְט וָואס דִי אִידְן אִין מִדְבַּר הָאבְּן אוּמְזִיסְט גֶעוֵויינְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט: "אַתֶּם בְּכִיתֶם בְּכִיָּה שֶׁל חִנָּם", אִיר וֵויינְט אוּמְזִיסְטֶע וֵויינֶען, "וַאֲנִי קוֹבֵעַ לָכֶם בְּכִיָּה לְדוֹרוֹת", אִיךְ וֶועל עֶנְק בְּרֶענְגֶען אוֹיף וָואס צוּ וֵויינֶען.

דָאס זֶעלְבֶּע בַּיי אַייךְ; הֶערְט אוֹיף וֵויינֶען, וַוייל דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן, אוּן אַנְשְׁטָאט וֵויינֶען אַז דִי חֲתוּנָּה גֵייט זַיין שְׁפֶּעטֶער פוּן וֶוען אִיר וִוילְט - זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ טֵייעֶרֶער חָתָן, אַ בַּעַל מִדּוֹת טוֹבוֹת וִירֵא שָׁמַיִם, אַ חָתָן וָואס לֶעבְּט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, לֶעבְּט מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

גֶעדֶענְקְט וָואס אוּנְזֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט. וֶוען מֶען הֶערְט אֵיינֶעם זִיךְ אָפְּרֶעדְן, קְרֶעכְצְן, וֵויינֶען - בְּרֶענְגְט מֶען אִים נָאךְ זַאכְן אוֹיף וָואס צוּ וֵויינֶען, אוּן אַז מֶען הֶערְט וִוי אֵיינֶער לוֹיבְּט אוּן דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - בְּרֶענְגְט מֶען אִים פִיל גוּטְס.

וָואס פֶעלְט אַייךְ אִין אַייעֶר לֶעבְּן? אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט אוּן אִיר הָאט שׁוֹין אַזַא טֵייעֶרֶע גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיז וִוי קוּמְט אַרַיין וֵויינֶען? עֶס הָאט נִישְׁט קַיין זִין צוּ וֵויינֶען אַז דִי חֲתוּנָּה זָאל זַיין אַבִּיסְל פְרִיעֶר, אִיר מוּזְט זִיךְ טוֹישְׁן, אִיר מוּזְט אָנְהוֹיבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיךְ פָאלְגְן.

...

אוֹיבּ אִיר הָאט פָּשׁוּט לִיבּ צוּ וֵויינֶען, (עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵייעֶר שִׂמְחָה אִיז וֵויינֶען) - זָאלְט אִיר וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְקֶערְט, וֵויינְט אוּן זָאגְט: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, אִיךְ בִּין דִיר אַזוֹי שׁוּלְדִיג, עֶס קוּמְט מִיר נִישְׁט אַזוֹיפִיל גוּטְס; אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס קֶען אִיךְ דִיר צוּרִיק צָאלְן פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר".

...

**דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא וֶועט דִיר מַאכְן זִיס אוּן לִיכְטִיג**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בֹּא, י״ט שׁוֹבָבִי״ם, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא - וֶועט דִיר וֶוערְן לִיכְטִיג אִין לֶעבְן. דוּ וֶועסְט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט אוּן אַיינְגֶענֶעמְקֵייט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**זִיךְ פִירְן אֵיידְל אוּן הֵיילִיג וִוי אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער, נִישְׁט וִוי דִי מִצְרִיִּים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ״ד שׁוֹבָבִי״ם, י׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; עֶס אִיז אַ קְלָארֶע אִיסוּר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ. דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ זָאגְט קְלָאר (אֶבֶן הָעֶזֶר סִימָן כ, סְעִיף ב) אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן, "וְרָאוּי לְהַכּוֹתָן מַכַּת מַרְדּוּת", אוּן אוֹיב יָא זָאל מֶען גֶעבְן פַאר דֶער וָואס טוּט דָאס - שְׁטַארְקֶע קְלֶעפּ, "הוֹאִיל וְעָשׂוּ אִסּוּר", וִויבַּאלְד זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן אַ זַאךְ וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן, "וְיֵשׁ לָאִישׁ לְהַקְפִּיד עַל אִשְׁתּוֹ מִדָּבָר זֶה", אוּן דֶער מַאן דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף זַיין וַוייבּ זִי זָאל דָאס נִישְׁט טוּן, "וּמוֹנֵעַ הַנָּשִׁים הַיְּדוּעוֹת בְּכָךְ מִלְּהִכָּנֵס לָהּ וּמִלָּצֵאת הִיא אֲלֵיהֶן", אוּן עֶר זָאל נִישְׁט לָאזְן דִי פְרוֹיעֶן וָואס טוּעֶן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ קוּמֶען צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ, עַיֵּין שָׁם.

אַ שָׁאד אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ מֵיידְלֶעךְ אִין דִי שׁוּלֶעס זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְן זִיךְ צוּ פִירְן אֵיידְל אוּן הֵיילִיג וִוי אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער, אוּן נִישְׁט זִיךְ פִירְן וִוי דִי מִצְרִיִּים; נָאכְדֶעם קֶען מֶען נִישְׁט לֶעבְן, מֶען קֶען נִישְׁט פִירְן אַ אִידִישֶׁע לֶעבְּן.

...

### מִיט דִי דְרַיי פּוּנְקְטְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועסְטוּ פּוֹעֶלְ'ן בַּיי דַיין ווייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ"ד שׁוֹבבי"ם, י' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַז מֶען ווִיל פּוֹעֶלְ'ן בַּיי דִי ווַייבּ זִי זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן וְכַדוֹמֶה דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דִי זַאךְ, נִישְׁט פוּן דִי שְׁוֶועריִקֵייט וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אוּן פוּן גֵיהִנוֹם וְכַדוֹמֶה; אַז מֶען רֶעדְט פוּן עוֹנְשִׁים אוּן פוּן גֵיהִנוֹם טוּט מֶען נִישְׁט אוֹיף, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ רֶעדְן פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, וֶועלְן דִי וֶוערְטֶער אַרַיינְגֵיין אִין אִיר הַארְץ.

רֶעד צוּ אִיר אַז שֵׁיין אִיז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, שֵׁיין אִיז וָואס צַדִיקִים זָאגְן, אַ צוּגֶעדֶעקְטֶע קָאפּ פַּאר אַ חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע פְרוֹי אִיז שֵׁיין, אַז נִישְׁט וָואלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָאס נִישְׁט גֶעזָאגְט אוּנְז צוּ טוּן, ווַייל דִי תּוֹרָה אִיז שֵׁיין אוּן זִיס; נָאר וָואס דֶען, מִיר זֶענֶען אִין אַ טִיפֶער גָלוּת, דֶער גָלוּת אִיז אַז מִיר קוּקְן אָן דִי תּוֹרָה ווִי אַ שְׁוֶוערֶע לַאסְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א) דֶער וָואס זָאגְט: "יֵשׁ תּוֹרָה, וְאֵינִי סוֹפְנָהּ", עֶס אִיז אֱמֶת דִי תּוֹרָה, אָבֶּער עֶס אִיז מִיר צוּ שְׁוֶוער צוּ הִיטְן דִי תּוֹרָה, עֶס אִיז מִיר אַ לַאסְט - אִיז זֵייעֶר הַארְבּ זַיין שְׁטְרָאף; דָאס אִיז דֶער גָלוּת, מִיר מֵיינֶען אַז ווִי אַזוֹי עֶס גֵייט בַּיי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם - דָאס אִיז שֵׁיין; אִיז דָאס דֶען שֵׁיין? קֶען דֶען זַיין אַז פְּרִיצוּת אִיז שֵׁיין? קֶען דֶען זַיין אַז קוּרְצֶע קְלֵיידֶער, גֶעפַּאסְטֶע קְלֵיידֶער, אוֹיסְגֶעשְׁנִיטֶענֶע קְלֵיידֶער זָאל זַיין שֵׁיין? עֶס אִיז דָאךְ קֶעגְן דִי תּוֹרָה, קֶען דָאס נִישְׁט זַיין שֵׁיין! אֶלָּא מַאי, אַז מֶען שְׁפִּירְט ווִי עֶס צִיט צוּ דֶעם, מוּז זַיין אַז מִיר זֶענֶען אַבִּיסְל אַוֶועק פוּן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, ווַייל שֵׁיין אִיז זִיכֶער נָאר וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט אַז עֶס אִיז שֵׁיין.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פְּרֶעגְן (נָזִיר ב:) ווִי קֶען מֶען זָאגְן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט "אֱהֵא נָאֶה", אִיךְ ווִיל זַיין שֵׁיין "הֲרֵי זֶה נָזִיר", אַז עֶר וֶוערְט אַ נָזִיר? אוֹיבּ צוּ זַיין אַ נָזִיר אִיז נִישְׁט קַיין לְכַתְּחִילָה, עֶס אִיז אַן עֲבֵירָה - קֶען דָאס נִישְׁט זַיין

שֵׁיין! קֶען דָאךְ נִישְׁט זַיין אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט 'אִיךְ וִויל זַיין שֵׁיין' אַז עֶר זָאל וֶוערְן אַ נָזִיר! אַזוֹי אוֹיךְ מִיט אַלֶע זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט גוּט, קֶען נִישְׁט זַיין שֵׁיין; שֵׁיין אִיז נָאר דִי תּוֹרָה.

רֶעד צוּ אִיר וֵוייכֶע וֶוערְטֶער אוּן זַיי גְרֵייט אַז עֶס קֶען נֶעמֶען אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן בֵּייז אַז דִי הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס, וֶועסְטוּ מִיט דֶער צַייט פּוֹעֵל'ן.

אִיךְ הַאלְט מִיט זֵייעֶר אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֵייעֶר שְׁטוּב הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט וִוי עֶס גֵייט חָרוּב וֶוערְן וֶוען דִי וַוייבּ הָאט בַּאקוּמֶען נִישְׁט דִי בֶּעסְטֶע חַבֶר'טֶעס, אוּן זֵיי, מִיט דִי הַקְדָמוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דִי דְרֵיי פּוּנְקְטְן: עֶרְשְׁטְנְס, רֶעדְן שֵׁיין. צְוֵוייטְנְס, זַיין גְרֵייט אַז עֶס וֶועט נֶעמֶען אַ לַאנְגֶע צַייט. דְרִיטְנְס, נִישְׁט אָפְּקִילְן דִי לִיבְּשַׁאפְט אוֹיבּ זִי וִויל נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, נָאר אִיר וַוייטֶער לִיבּ הָאבְּן מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ - הָאבְּן זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט זֵייעֶר שְׁטוּבּ.

נֶעכְטְן שְׁרַייבְּט מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן אַז זַיין וַוייבּ אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן דִי פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם אוּן זִי זָאגְט אַז זִי וִויל מֶער נִישְׁט שְׁמִירְן דִי נֶעגְל, זִי הָאט גֶעהֶערְט וִוי מֶען רֶעדְט אַזוֹי שֵׁיין פוּן דָאס נִישְׁט טוּן. וָואס הָאט מֶען גֶערֶעדְט? מֶען הָאט גֶערֶעדְט פוּן נִישְׁט זָאגְן מוּסָר. אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט בַּיים שִׁיעוּר (דִי שִׁיעוּרִים גֶעבּ אִיךְ נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ, אִיךְ זָאג דָאס אַרַיין פוּן פָּארְאוֹיס אוּן מֶען הֶערְט דָאס בַּיי דִי פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם) וִויפִיל מִשְׁפָּחוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן אוּן אוֹיפְגֶעהֶערְט שְׁמִירְן דִי נֶעגְל - נִישְׁט דוּרְךְ מוּסָר, נִישְׁט דוּרְךְ זַיי זָאגְן: "בִּיסְט אַ שִׁיקְסֶע!" "בִּיסְט אַ פְּרִיצָה!" נָאר דוּרְךְ רֶעדְן שֵׁיין אוּן הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אוּן וַוייטֶער זוּכְן דָאס גוּטְס, מַמָּשׁ מִיט דִי עֵצָה פוּן אַזְמְרָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב).

בְּרוּדֶער, פַארְשְׁטֵיי גוּט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען דוּרְךְ לֶעבְּן בְּזֶה הָעוֹלָם אוּן הָאבְּן אַ גוּטֶע זִיסֶע לֶעבְּן, אָן קַיין שׁוּם קְרִיגֶערַייעֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְשִׁיקְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט עֶסְן בַּיי אַ שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, כ"ה שׁוֹבָבִי"ם, י"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

קֵיינְמָאל זָאלְט אִיר נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט עֶסְן בַּיי אַ שִׂמְחָה. הֶעכְסְטְנְס קֶען מֶען אוֹיסְרוּפְן נָאךְ אַ פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם אַז דִי חֲתוּנָה סְעוּדוֹת אִין יְשִׁיבָה אִיז בְּצִמְצוּם, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ, עֶס אִיז נָאר פַאר מִשְׁפָּחָה; אָבֶער מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן מֶענְטְשְׁן, אַרוֹיסְשִׁיקְן מֶענְטְשְׁן פוּן אַ שִׂמְחָה. דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז דָאךְ חָרוּב גֶעוָוארְן צוּלִיבּ דֶעם וָואס מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט אַ מֶענְטְשׁ פוּן אַ שִׂמְחָה (גִּיטִין נה:).

גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי לֵיצָנוּת נֶעמְט אַרוֹיס יֶעדֶע בְּרֶעקְל יִרְאַת שָׁמַיִם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, כ"ה שׁוֹבָבִי"ם, י"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג

לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בְּקִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֵייעֶר גוּט אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר יֶעדֶע פְּרַט וָואס טוּט זִיךְ אִין חֵדֶר.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט נִישְׁט הֶערְן דִי רֶעקָארְדִינְגְס פוּן דִי לֵצִים... אַ מְלַמֵּד דַארְף הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, דִי לֵיצָנוּת נֶעמְט אַרוֹיס יֶעדֶע בְּרֶעקְל יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן וָואס וֶועסְטוּ שׁוֹין קֶענֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער מִיט דִי רֵיינֶע נְשָׁמוֹת?

זַיי מְכַבֵּד דַיין בְּרוּדֶער הָרַב ר' יוֹסֵף אוּן זֵיי זִיךְ מִיט אִים מְחַזֵּק, עֶר וֵוייסְט גוּט וָואס אִיךְ וִויל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי בָּחוּרִים זָאלְן הֶעלְפְן אוּן זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ״ה שׁוֹבָבִ״ים, י״א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מַגִּיד שִׁיעוּר בִּישִׁיבָתֵינוּ הַקְּדוֹשָׁה בִּירוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דִי בָּחוּרִים פִירְן זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. לֶערְן זֵיי אוֹיס אַזוֹי וְוי דוּ הָאסְט גֶעזֶען אִין יְשִׁיבָה, לֶערְן אוֹיס דִי בָּחוּרִים צוּ הֶעלְפְן רֵיינִיגְן, לֶערְן זֵיי אוֹיס זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ זֶען דַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה וָואס דוּ בִּיסְט מְחַדֵּשׁ אוֹיף תִּיקּוּנִים, בִּפְרָט אַז דִי חִידוּשִׁים זֶענֶען אוֹיף לַעֲבוֹדָה וּלְמַעֲשֶׂה; עֶס אִיז מְחַזֵּק. קוּק אַבִּיסְל פְרִיעֶר (דַּף קיח.) וְוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר אִיז מְגַלֶּה אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען תְּשׁוּבָה טוּן. ״וְאַף עַל גַּב דְּקַיִ״ן אִיהוּ זוּהֲמָא, יָכִיל לְמֶעְבַּד נָקִ״י״, אֲפִילוּ קַיִן וָואס קוּמְט פוּן אַזַא שְׁמוּץ - קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן וֶוערְן אִינְגַאנְצְן רֵיין; קַיִ״ן אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת וְוי נָקִ״י, נִישְׁט קַיין חִילּוּק וֶוער זָאל זַיין - קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נָאר אֱמוּנָה אִיז דִי רְפוּאָה פַאר אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ״ה שׁוֹבָבִ״ים, י״א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג

לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן.

לֵייגְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין זֵיי; וַוייל נָאר אֱמוּנָה אִיז דִי רְפוּאָה פַאר אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אֱמוּנָה הֵיילְט דִי יִסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ, אֱמוּנָה בְּרֶענְגְט בְּרָכוֹת, אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כח, כ): "אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת".

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת דְּרוּשֵׁי הַלַּיְלָה, דְּרוּשׁ ז): "וְדַע כִּי כְּמוֹ שֶׁיּוֹצְאִין הַמַּזִּיקִין אֵלּוּ מִן הָאָדָם הַמּוֹצִיא שז"ל לִהְיוֹתוֹ בְּלֹא אִשָּׁה", אַזוֹי וְוִי אַ מַאן בַּאשַׁאפְט מַזִיקִין וֶוען עֶר אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן דִי מַזִיקִין מַאכְן אִים צָרוֹת אוּן יְסוּרִים, "כַּךְ הָאִשָּׁה בּוֹרְאָה מַזִּיקִין בְּלֹא אִישׁ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאג אַ יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דַיין מְלַמֵּד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ"ה שׁוֹבָבִי"ם, י"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַלֶעס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט; אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג, אַז דוּ הָאסְט לִיבּ צוּ קוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן דוּ הָאסְט לִיבּ דַיין מְלַמֵּד.

הֶער זִיךְ גוּט צוּ וֶוען מֶען לֶערְנְט הֲלָכוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן לֶערְנֶען הֲלָכָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט); נָאר אַז מֶען לֶערְנְט הֲלָכָה - קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְוֹת.

פִּיר זִיךְ אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ אַז יֶעדֶעס מָאל דַיין מְלַמֵּד עֶנְדִיגְט לֶערְנֶען, אֵיידֶער דוּ גֵייסְט זִיךְ שְׁפִּילְן אוּן זִיךְ אָפְּרוּעֶן - זָאג אַ יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דַיין מְלַמֵּד, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען מִיט דִי גוּטֶע מִדָּה פוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הֶעלְפְט אַייעֶר מַאמֶע און קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, כ"ה שׁוֹבָבִי"ם, י"א שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג**

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זֵייעֶר גוּט אַז אִיר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט שְׁלָאפְן מִיט הוֹיזְן. הוֹיזְן אִיז פַּאר אִינְגְלֶעךְ, מֵיידְלֶעךְ גֵייעֶן נִישְׁט קַיין הוֹיזְן; אוֹיךְ נִישְׁט בַּיים שְׁלָאפְן און אוֹיךְ נִישְׁט בַּיים מַאכְן אִיבּוּנְגֶען, הוֹיזְן פַאר אַ מֵיידְל אִיז נִישְׁט שֵׁיין און נִישְׁט אֵיידְל.

הֶעלְפְט אַייעֶר מַאמֶע און קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער, וֶועט אִיר מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען אַלֶעס פַּארְרֶעכְטְן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, כ"ו שׁוֹבָבִי"ם, י"ב שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, טֵייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי וָואכְן פוּן שׁוֹבָבִי"ם, מִיר ווִילְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס מִיר דַארְפְן פַארְרֶעכְטְן. פַאסְטְן קֶענֶען מִיר נִישְׁט, סַיי מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ פַאסְטְן, און אֲפִילוּ אוֹיבּ מִיר הָאבְּן יָא כֹּחַ - הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תצא) מִיר זָאלְן נִישְׁט פַאסְטְן; אִיז וָואס זָאלְן מִיר טוּן צוּ מְתַקֵּן זַיין וָואס מִיר דַארְפְן מְתַקֵּן זַיין?

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ 'אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר, הַכֹּל לַכֹּל אִיז עֶר' - אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת און עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים.

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וֶועט אַייךְ מְתַקֵּן זַיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲוֹנוֹתֶיךָ", דוּרְךְ אֱמוּנָה וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת; רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אוֹיף אֱמוּנָה, בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה? הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין דִיךְ צוּ שְׁפִּירְן, דִיךְ צוּ זֶען אוּן נָאר פוּן דִיר טְרַאכְטְן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ ווִיל נָאר דִיר, אִיךְ ווִיל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ דִיר, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ ווִיל נִכְלָל וֶוערְן אִין דִיר"; אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ הָאבְּן מִיר חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דִי בֵּיימֶער; זָאלְט אִיר מַאכְן אַ סְעוּדָה אִין שְׁטוּב, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה מִיט דִי קִינְדֶער. גֶעבְּט אַייךְ אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער, לָאזְט נִישְׁט דִי קִינְדֶער אוֹיף הֶפְקֵר, קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי ווִי בֵּיימֶער; אַז מֶען פְלַאנְצְט זֵיי, מֶען בַּאוַואסֶערְט זֵיי - וַואקְסְן שֵׁיינֶע בֵּיימֶער, קוּמֶען שֵׁיינֶע דוֹרוֹת, ווִידֶערְאוּם אַז דִי גַאנְצֶע קָאפּ לִיגְט אִין גֶעלְט - וָואס קֶען מֶען שׁוֹין עֶרְוַוארְטְן פוּן דִי קִינְדֶער? וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ נָאכְלוֹיפְן גֶעלְט.

בַּיי אוּנְז אִין אַמֶערִיקֶע שְׁרֶעקְט אָן דִי נַייעֶס אַז דִי וָואךְ שַׁבָּת גֵייט זַיין גָאר אַ שְׁטַארְקֶע פְרָאסְט, פְּרֶעגְט מִיךְ אֵיינֶער אוֹיבּ עֶר דַארְף גֵיין דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן אָדֶער עֶר קֶען בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "מֵילָא דוּ זָאגְסְט דוּ קֶענְסְט נִישְׁט גֵיין אַרְבֶּעטְן וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר קַאלְט - אִיז אֵיין זַאךְ, אָבֶּער דַאוֶוענֶען? אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט גֵיין דַאוֶוענֶען וַוייל עֶס אִיז קַאלְט, וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער זָאגְן זֵיי אִיז קַאלְט יֶעדֶע וָואךְ, זֵיי וֶועלְן בִּכְלַל נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל".

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ, עֶס דַארְף גֵיין מִיט שִׂמְחָה; דָאס ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִיז - זַיין פְרֵיילִיךְ בַּיים טוּן מִצְוֹת, טוּן מִצְוֹת מִיט אַ חַיוּת, מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט; יֶעדֶע טְרִיט צוּם שׁוּל, וֶוען דוּ גֵייסְט מִיט דַיינֶע קִינְדֶער - זָאלְסְטוּ זֵיי זִינְגֶען "ווִי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר, מִיר זֶענֶען פוּן דִי אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶע פָאלְק, קִינְדֶער פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר גֵייעֶן דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם

הָאבְּן נִישְׁט וָואס מִיר הָאבְּן".

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן מִצְוֹת זָאלְסְטוּ זִינְגֶען פְרֵייליכֶע טֶענֶער, נִישְׁט גֵיהִנוֹם טֶענֶער 'אוֹיב מֶען טוּט נִישְׁט אַזוֹי אוּן אַזוֹי גֵייט מֶען אִין גֵיהִנוֹם'; לָאז אָפּ דִי גֵיהִנוֹם, שַׁבָּת אִיז נִישְׁטָא קַיין גֵיהִנוֹם, שַׁבָּת אִיז נָאר דָא גַן עֵדֶן.

יֶעצְט אִיז פּוּנְקְט אַ יָאר פוּן אוּנְזֶער חֵדֶר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם, מָה אָשִׁיב לַה' כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי, אַז מִיר קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיט קְדוּשָׁה. פַאר דֶעם פְּרַט אַלֵיינְס, אַז מִיר קֶענֶען לֶערְנֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זַיי זָאלְן רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז דָאךְ שׁוֹין אַלֶעס כְּדַאי; אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן הֶערְן בְּמֶשֶׁךְ זֵייעֶרֶע יָארְן, פוּן קִינְדֶער-גַארְטְן בִּיז דִי חֲתוּנָה הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער מָאל: 'עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער', 'רֶעד צוּם בַּאשֶׁעפֶער', 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ', 'דַיינֶע מִצְוֹת מַאכְן אַ רַעַשׁ אִין הִימְל', 'יֶעדֶע וָוארְט וָואס דוּ רֶעדְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶערְט מֶען אִין אַלֶע וֶועלְטְן', אוּן דָאס גְלַייכְן.

אַזוֹי אוֹיךְ אַז מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן מְנִיוָולִים. לֵיידֶער רֶעדְט מֶען נִישְׁט, אוּן דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט שׁוֹין יָא, רֶעדְט מֶען אוּנְטֶער דִי נָאז, אַז קַיין שׁוּם קִינְד הָאט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס מֶען רֶעדְט. אָבֶּער בַּיי אוּנְז, בַּיים רֶבִּינְ'ס חֵדֶר - רֶעדְט מֶען יָא, מֶען זָאגְט דִי קִינְדֶער: "הִיט זִיךְ פוּן מְנִיוָולִים", "הִיט זִיךְ פוּן לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְ'ן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ".

וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן מַיינֶע טַייעֶרֶע בְּרִידֶער, אִיךְ בִּין דֶער חָתָן מְלַמֵד אִין אַמֶערִיקֶע פַאר אוּנְזֶערֶע חֲתַנִים, דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן רֶבִּינְ'ס חֵדֶר גֵייעֶן צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט אַ רֵיינֶעם הֶעמְד. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקיז) דִי וָואס וֶועלְן קוּמֶען צוּ אִים פַאר דִי זִיבְּן - וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ רֵיין הֶעמְד, דָאס מֵיינְט אָן פּוֹגֵם זַיין בְּאוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ; פַאר דֶעם אַלֵיינְס אִיז שׁוֹין כְּדַאי.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, אוֹיךְ דִי וָואס שִׁיקְן נָאכְנִישְׁט דִי קִינְדֶער בַּיים רֶבִּינְ'ס חֵדֶר זָאלְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ מִזְמַן לִזְמַן פוּן קְדוּשָׁה, זֵיי מַדְרִיךְ זַיין נִישְׁט צוּ לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אוּן

וָוען מֶען זֶעט אַ קִינְד דַארְף אִין בֵּית הַכִּסֵא און עֶר כַאפְּט זִיךְ אָן, דַארְף מֶען גְלַייךְ זָאגְן "נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט", אִים מַדְרִיךְ זַיין, עֶס זָאל וֶוערְן בַּיי אִים אַ טֶבַע שֵׁנִי צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן. דֶער דוֹר פַאלְט און פַאלְט, הַיינְט דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער נָאכְמֶער וִוי אַמָאל, ווייל עֶס זֶענֶען הַיינְט דָא אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַמָאל.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף וֶועלְן מִיר אוֹיךְ עֶפֶענֶען בְּקָרוֹב אַ חֶדֶר אִין בְּנֵי בְּרַק, אִיךְ דַארְף נָאר צוּגְרֵייטְן דִי רִיכְטִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זָאלְן זַיין גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶעם.

דִי וָואךְ אִיז דִי יָארְצַייט פוּן אוּנְזֶער רֶבִּי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיר זֶענְט דָאךְ סָמוּךְ וְנִרְאֶה, קֶענְט אִיר אוֹיסְרֶעכֶענֶען צוּ זַיין בַּיים צִיּוּן אִינֶעם טָאג פוּנֶעם יָארְצַייט; דַאוֶוענֶען דָארְט פַאר זִיךְ, פַאר דִי מִשְׁפָּחָה און פַאר אַלֶע אִידְן. אִיר וֶועט מִיר אוֹיךְ אַוַדַאי מַזְכִּיר זַיין, אִיר קֶענְט דֶערְצֵיילְן אֵיין גוּטֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיךְ הָאבּ עֶנְק מְזַכֶּה גֶעוֶוען, און בֶּעטְן אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ און קֶענֶען אוֹיסְפִירְן אַלֶע מַיינֶע פְּלֶענֶער.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ וֶועל אַייךְ שְׁרַייבְּן אַן אַנְדֶערֶע מָאל מֶער בַּאֲרִיכוּת. אִיךְ בֶּעט אַייךְ נָאר אֵיין זַאךְ, זַייט אַייךְ מְקַבֵּל לְכָבוֹד דֶעם יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ צוּ עוֹסֵק זַיין יֶעדְן טָאג אִין הֲפָצָה; מִיר מוּזְן מַכִּיר טוֹבָה זַיין מוֹהֲרָא"שׁ, עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען, אַלֶעס אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן אַז מִיר זָאלְן וִויסְן פוּן רֶבִּי'ן מִיר זָאלְן הָאבְּן דֶעם חַיִּים טוֹבִים, דַארְפְן מִיר דָאס ווייטֶער גֶעבְּן פַאר נָאךְ אִידְן.

מֶענְטְשְׁן קְרִיכְן אַ גַאנְץ יָאר אוֹיף גְרָאדֶע וֶוענְט, און בִּפְרַט יֶעצְט שׁוֹבָבִי"ם, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען מֵיינְט אַז תִּיקּוּן שׁוֹבָבִי"ם אִיז לֶערְנֶען שָׁעוֹת רְצוּפוֹת, אָדֶער פְּרִישׁוּת אִין שְׁטוּבּ, מֶען וֶוערְט אָנְגֶעגֶעסְן פוּן דֶעם און מֶען לָאזְט אַלֶעס אָפּ. דַארְפְן מִיר פַארְשְׁפְּרֵייטְן אַז תִּיקּוּן שׁוֹבָבִי"ם אִיז גֵיין אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג דַאוֶוענֶען, תִּיקּוּן שׁוֹבָבִי"ם אִיז לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיטְן תַּרְגוּם אַיינְגֶעטֵיילְט יֶעדְן טָאג לְפִי דִי פַּרְשָׁה, תִּיקּוּן שׁוֹבָבִי"ם אִיז זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תְּפִילִין, מִיט דִי צִיצִית, מִיט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, תִּיקּוּן שׁוֹבָבִי"ם אִיז זַיין אַ וַתְּרָן אִין

שְׁטוּב, זִיךְ פִּירְן מִיט דִי וַוייבּ מִיט סַבְלָנוּת, תִּיקוּן שׁוֹבָבִי"ם אִיז נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאר גוּט, "טוֹב ה' לַכֹּל" (תְּהִלִּים קמה, ט), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּט, אוּן וָואס מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער - דָאס אִיז נָאר גוּטְס; דָאס אִיז תִּיקוּן שׁוֹבָבִי"ם.

אִיךְ הָאף דֶער בְּרִיוו וֶועט אַייךְ גֶעבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק, אִיר וֶועט זִיךְ אַלֶע בַּאנֵייעֶן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ גֵיין הֲפָצָה.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

### שְׁטַארְקְט אַייךְ אוּן שְׁטַארְקְט דִי לֶערֶערִינְס צוּ גֶעבְּן אַ גוּטֶע חִינוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח-שִׁירָה, כ"ו שׁוֹבָבִי"ם, י"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ', מְנַהֶלֶת בֵּית פֵּיגָא לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

יֶעצְט וֶועט אִיר זֶען אַז דָאס אִיז אַזוֹי וִוי מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, וֶוען דִי מַאמֶע אִיז פְרֵיילִיךְ - זֶענֶען דִי קִינְדֶער פְרֵיילִיךְ, אוּן וֶוען דִי מַאמֶע אִיז דֶערְבִּיטֶערְט - זֶעט מֶען עֶס גְלַייךְ אוֹיף דִי קִינְדֶער. דִי מֵיידְל ... אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת, בִּיטֶע רֶעדְט מִיט אִיר רַחְמָנוּת'דִיג; וַוייל אִיר מַאמֶע גֵייט אַרִיבֶּער יֶעצְט אַ שְׁוֶוערֶע צַייט, זִי אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ וְכוּ' וְכוּ', אוּן דָאס קְלַאפְּט גְלַייךְ אוֹיס אוֹיף דִי קִינְדֶער. זִי אִיז אַ גוּט קִינְד, וָואס זָאל זִי טוּן, וָואס קֶען אַ קִינְד טוּן וֶוען דִי מַאמֶע אִיז נִישְׁט מְסוּדָר וְכוּ'; דָאס קִינְד פַארְלִירְט דִי מֹחַ, הוֹיבְּט אָן טוּן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן, חוּצְפָּה'דִיגֶע זַאכְן וְכוּ'; אִיךְ בֶּעט אַייךְ, רֶעדְט צוּ דִי לֶערֶערִינְס זֵיי זָאלְן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיפְן קִינְד.

(פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אַלֶעס דַארְף זַיין הֶעכְסְט פְּרִיוַואט, דִי לֶערֶערִינְס קֶענֶען נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם; סַיי פוּן דָאס קִינְד אוּן סַיי פוּן דִי מַאמֶע, וד"ל).

בְּנוֹגֵעַ דִי מֵיידְל ... תִּחְיֶ', זִי וֶוערְט נֶערְוֶועז אַז מֶען רֶעדְט אִין סְקוּל צוּפִיל פוּן

רֶבִּי'ן, מוֹהֲרָא"ש און רֹאשׁ יְשִׁיבָה; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, זִי דַארְף נִישְׁט דָא בְּלַייבְּן, קֵיינֶער צְווינְגְט נִישְׁט דָא צוּ לֶערְנֶען, זִי קֶען צוּרִיקְגֵיין צוּ אִיר סְקוּל. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער רֶעדְן פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, און זֵיי וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן וָואס מֶען רֶעדְט צְוִוישְׁן מֵיידְלֶעךְ אִין אַנְדֶערֶע סְקוּלְס, מֶען דַארְף נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן רֶעדְן וֵוייניִגֶער פוּן רֶבִּי'ן און פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אִין יַבְנְאֵל, קֵיינֶער מוּז נִישְׁט דָא זַיין, מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זִיךְ אוֹיסְדְרוּקְן, עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן אַרוֹיס צוּ פָארְן פוּן יַבְנְאֵל, אַז וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְפָארְן פוּן בֵּיידֶע זַייטְן. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז אִין שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז דָא בְּעֶרֶךְ אַכְט וֶועגְן אַרוֹיס צוּ פָארְן; צְוֵויי וֶועגְן פוּן טְוִוין בְּרִידְזְשׁ, צְוֵויי וֶועגְן אַרוֹיס פוּן אָלְד מָאנְטִיסֶעלָאו, דֶענְמֶען, אִיסְט מַאנְגָאפּ, גַארְדְן הַאוּז און קְרָאס פַארְם, און וֶוער עֶס וֶוערְט נֶערְוֶועז אַז מֶען רֶעדְט דָא פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וֶוער עֶס וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן אוּנְזֶער קְהִילָה - קֶען אוֹיסְוֶועלְן וָואס פַאר אַ וֶועג אַרוֹיס צוּ פָארְן.

נָאכְן צַאמְקוּם הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ גֶעיִם, וֶוער עֶס קֶען זָאגְן פוּן וָואס זֵיי וֶוערְן נֶערְוֶועז, זָאגְט אֵיינֶער אַז זִי וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן אַזוֹי סַאךְ פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה. עֶס דַארְף נִישְׁט זַיין קַיין פְּרָאבְּלֶעם, אוּנְזֶער קְהִילָה אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט צוּ וֶוערְן נֶערְוֶועז, אִין יְשִׁיבָה הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן אַ גַאנְצְן טָאג פוּן הַפָּצָה און בָּחוּרִים זָאגְן אַז זֵיי וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן רֶעדְן אַזוֹיפִיל פוּן הַפָּצָה, זָאג אִיךְ זֵיי: "נֶערְוֶועז דַארְף מֶען וֶוערְן וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן פָּאלִיטִיק אָדֶער פוּן גֶעלְט, וִוי קֶען מֶען רֶעדְן אַזוֹי סַאךְ פוּן גֶעלְט און פוּן שֵׁיינֶע קַארְס"; זָאגְט דִי מֵיידְל: "אַ שָׁאד צוּ זַיין דָא און וֶוערְן נֶערְוֶועז, עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל שֵׁיינֶע פְּלֶעצֶער וואוּ צוּ זַיין".

בְּנוֹגֵעַ שִׁיקְן דִי שִׁיעוּרִים פוּן בֵּית פֵיגָא ווילְיַאמְסְבּוּרְג; אִיךְ וֶועל רֶעדְן צוּם מְנַהֵל ר' מָרְדְּכַי נֵרוֹ יָאִיר עֶר זָאל שִׁיקְן דִי שִׁיעוּרִים פַאר בֵּית פֵיגָא אִין שְׁטֶעטְל.

בְּנוֹגֵעַ דִי לֶערֶערִין וָואס הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ קוּמֶען ...; אִיךְ מֵיין זִי דַארְף נָאר אַבִּיסְל חִיזוּק. עֶס אִיז אַייעֶר פְלִיכְט צוּ גֶעבְּן דִי לֶערֶערִינְס גוּטֶע וֶוערְטֶער, דָאס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פוּן אַ מְנַהֶלֶת; מִיט אַפָּאר גוּטֶע

וֶוערְטֶער בַּאקוּמֶען זֵיי כֹּחַ אוּן זֵיי וֶועלְן טוּן אַ גוּטֶע אַרְבֶּעט מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ.

דִי חֵדֶר אִין שְׁטֶעטְל דַארְף נָאךְ אַ מְנַהֵל, אִיךְ וַוארְט דֶער מְנַהֵל ר׳ מָרְדְכַי אִינְדִיג זָאל זִיךְ אַרוֹיסְצִיעֶן אַהִין, דִי מְלַמְדִים הָאבְּן נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל זֵיי הֶעלְפְן, וֶוען אַ קִינְד אִיז חוּצְפָּה׳דִיג הָאט עֶר נִישְׁט וואוּ צוּ שִׁיקְן דֶעם קִינְד. נֶעכְטְן הָאט אַ מְלַמֵד צוּגֶעכַאפְּט דִי גְלֶעזֶער פוּן אַ קִינְד וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג, וֶוען אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהֶערְט הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, ווִי בִּין אִיךְ דָא? וָואס אִיז דָא?״ אוֹיךְ הָאט אַ מְלַמֵד גֶע׳קַנְסְ׳עֶט אַ קִינְד מִיט נִישְׁט אַהֵיימְגֵיין פוּן חֵדֶר וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג, דָאס אִיז נִישְׁט נָארְמַאל; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין קְנַס אוּן דָאס טוּט מֶען נִישְׁט, אִיךְ הָאף אַז בִּיז זוּמֶער וֶועט זַיין אַ מְנַהֵל אוּן זַאכְן וֶועלְן וֶוערְן מְסוּדָר.

זֵייעֶר גוּט אַז מֶען הָאט צֶעטֵיילְט דִי צְוֵויי מֵיידְלֶעךְ ... מִיט ...., דִי עֶלְטֶערְן פוּן מִשְׁפָּחַת ... זֶענֶען אַבִּיסְל בְּרוֹגֶז, זֵיי מֵיינֶען אַז מִיר ווִילְן זִיךְ סְפֶּעצִיעֶל פַּארְלֵייגְן אוֹיף זֵייעֶר טָאכְטֶער; וָואס קֶען מֶען טוּן? נִישְׁט אַלֶע עֶלְטֶערְן וֵוייסְן ווִי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט חִינוּךְ, עֶלְטֶערְן פַאלְן פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶעעֶן טְרֶערְן. אִיךְ שְׁרַייבּ עֶס אַייךְ, אִיר זָאלְט ווִיסְן אַז דִי מַאמֶע מֵיינְט אַז אִיר הָאט עֶפֶּעס אוֹיף אִיר קִינְד, אִיז אוֹיבּ אִיר קֶענְט רֶעדְן מִיט דִי מַאמֶע - זָאלְט אִיר רֶעדְן. אַזוֹי אוֹיךְ מָרַת ... הָאט זֵייעֶר גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף דִי לֶערֶערִין מָרַת ... אַז זִי הָאט פַיינְט אִיר טָאכְטֶער. אִיךְ וֶוער אַזוֹי צֶעמִישְׁט, אִיךְ וֵוייס שׁוֹין נִישְׁט וֶוער אִיז דִי קִינְד אוּן וֶוער דַארְף זַיין דִי מַאמֶע... אִיךְ מַיין מֶען זָאל מַאכְן סְקוּל פַּאר דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען מִידוֹת טוֹבוֹת אוּן הַכָּרַת הַטוֹב.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר מָרַת ... תְּחִיֶ׳, שְׁטַארְקְט אַייךְ אוּן שְׁטַארְקְט אַלֶע טִיטְשֶׁערְס זֵיי זָאלְן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת, אוּן נִישְׁט שְׁוַואךְ וֶוערְן פוּן גָארְנִישְׁט.

אַ גוּט שַׁבָּת.

אִיךְ הָאף צוּ קוּמֶען אִין בֵּית פֵּיגָא קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֵאֵת קִינְדֶער

## דִּי הֵיילִיגְקַייט פוּן אַ מַאמֶע (ב)

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר וֶועלְן וַוייטֶער דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

וֶוער גֶעדֶענְקְט וואוּ מִיר הַאלְטְן אִין דִי מַעֲשֶׂה? מִיר הָאבְּן דֶערְצֵיילְט וִוי דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ אָפְּגֶעבְּרֶענְט זַיינֶע הֶענְט, וֶוען זַיין מַאמֶע דִי צַדֶיקֶת מִירִישׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד הָאט עֶר אִיר גֶעפַּאטְשְׁט, דֶער צַדִיק הָאט גֶעוֵויינְט: "אַ מַאמֶע הָאב אִיךְ גֶעשְׁלָאגְן?!" עֶר אִיז גֶעלָאפְן צוּם פֵייעֶר אוּן זִיךְ פַארְבְּרֶענְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט.

יֶעצְט קִינְדֶער וֶועלְן מִיר וַוייטֶער דֶערְצֵיילְן. דֶער צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ווִיל גֵיין דַאוֶונֶען, עֶר ווִיל אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מִצְוָה מִיר

זָאלְן אָנְטוּן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג, קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט דִי מִצְוָה, דִי מִצְוָה פוּן תְּפִילִין הוֹיבְּט זִיךְ אָן וֶוען מֶען הָאט בַּר מִצְוָה, וֶוען מֶען וֶוערְט דְרַייצְן יָאר אַלְט; דֶעמָאלְט טוּט אָן יֶעדֶער אִיד דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין.

דֶער צַדִיק נֶעמְט זַיינֶע תְּפִילִין אוּן גֵייט אִין שׁוּל מִיט אַ שִׂמְחָה, עֶר טַאנְצְט אַ גַאנְצֶע וֶועג, עֶר זִינְגְט זִיךְ אוּנְטֶער: "אִיךְ דַאנְק דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל טוּן דִי מִצְוָה פוּן אָנְטוּן תְּפִילִין".

עֶר קוּמְט אַרַיין אִין שׁוּל, עֶר צִיט אַרוֹיף זַיין הֶעמְד אוּן עֶר זֶעט אַז זַיינֶע הֶענְט זֶענֶען אִים פַארְבְּרֶענְט, עֶר הוֹיבְּט אָן וֵויינֶען: "אוֹי וֵויי, אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין..." דֶער צַדִיק הוֹיבְּט אָן מַאכְן תְּפִילוֹת, עֶר בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק אָנְטוּן תְּפִילִין, אִיךְ וִויל טוּן דַיין מִצְוָה, אָבֶּער מַיינֶע הֶענְט זֶענֶען פַארְבְּרֶענְט. בַּאשֶׁעפֶער, אַ נֵס מַאךְ מִיר יֶעצְט אִיךְ זָאל קֶענֶען אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין, הֵייל אוֹיס מַיינֶע הֶענְט".

אוּן... וואוּנְדֶער גֶעשֶׁעט, עֶר גֶעבְּט אַ קוּק אוּן עֶר זֶעט נֵייעֶ הֶענְט, שֵׁיינֶע הֶענְט, אוֹיסְגֶעהֵיילְטֶע הֶענְט; עֶס אִיז מֶער נִישְׁט שְׁוַוארְץ, עֶס בְּלוּט מֶער נִישְׁט, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען שֵׁיינֶע נֵייעֶ הֶענְט אַזוֹי וִוי אַ קְלֵיין קִינְד.



"אוֹי וַויי, אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין..."

עֶר זָאגְט: "אִיךְ דַאנְק דִיר טַאטֶע, אִיךְ לוֹיבּ דִיךְ בַּאשֶׁעפֶער אַז מַיינֶע הֶענְט זֶענֶען פַארְהֵיילְט, אִיךְ וֶועל שׁוֹין קֶענֶען אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין!"

קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן שׁוֹין פָארִיגֶע וָואךְ דֶערְצֵיילְט אַז מִיר וֶועלְן נִישְׁט פַארְבְּרֶענֶען דִי הֶענְט, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מִיר דַארְפְן נִישְׁט טוּן דִי שְׁוֶועֶרֶע עֲבוֹדוֹת, מִיר דַארְפְן נִישְׁט פַאסְטְן אוּן טוּן דִי זַאכְן וָואס

פַיינִיגְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן זֵייעֶר נָאנְט צוּ אִים; אַנְשְׁטָאט פַאסְטְן אוּן מַאכְן סִיגוּפִים - זָאגְט דֶער רֶבִּי - זָאלְן מִיר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר לֶערְנֶען זִיךְ אָבֶּער יָא פוּן דִי מַעֲשֶׂה דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, צוּ בֶּעטְן אוֹיף זַאכְן וָואס זֶעט אוֹיס מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן אַז דָאס קֶען נִישְׁט פַאסִירְן, אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק הָאט גֶעטוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פַאר נֵייעֶ הֶענְט. דָאס גֵייעֶן מִיר טוּן, מִיר גֵייעֶן בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיךְ וֶועלְן מִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּנְזֶער טַאטֶע מַאמֶע, מִיר וֶועלְן קֵיינְמָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁלָאגְן אַ טַאטֶע מַאמֶע, מִיר וֶועלְן רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן נִישְׁט מִיט חוּצְפָּה.

אַלֶע קִינְדֶער זֶעצְן זִיךְ שֵׁיין אַרָאפּ אוּן מִיר גֵייעֶן זִינְגֶען דִי שֵׁיינֶע לִיד: "וֶוען פוּן אַ הֵיילִיגֶע צַדִיק מֶען שְׁמוּעֶסְט - וֶוערְט דֶער לֶעבְן זֵייעֶר זִיס, וֶוען מֶען רֶעדְט וָואס אַ צַדִיק טוּט - וֶוערְט מֶען עֶרְלִיךְ אִין אֵיין מִינוּט", אַלֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען: "מַעֲשֶׂה'לֶעךְ פַאר קִינְדֶערְלֶעךְ - צוּ לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זַיין עֶרְלִיךְ, רֶעדְן פוּן צַדִיקִים אִיז דִי זַאךְ - אַזוֹי פוּן בַּאשֶׁעפֶער מֶען טְרַאכְט".